STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09752

DER HOLEM FUN BRIDER

Benjamin Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער חלום פון ברידער

400

בנימין קאַץ

דער חלום פון ברידער

(לידער)

פאַרלאַג „לאַנדסלייט"
ניו־יאָרק, 1947

BENJAMIN KATZ

"Der Cholem Fun Brider"

POEMS

בילד געצייכנט פון ש. לערנער

בנימין קאַץ

אין די בערג

*

איך האָב אויף פּאַפּיר שוין לאַנג נישט
פאַרשריבן
וואָס עס זינגט אין מיר,
וואָס עס וויינט אין מיר.
צווישן טורעמדיקע בערג
קען איך מער ניט בלייבן שטום.
איבער די וואָלקנס בין איך
געפלויגן
און צוריק געוואָלט אַראָפּ
אויף דער ערד.

די ערד,
אוי, די ערד
ניין איילן די טיף —
שפּראָצט איבער ערד
מיין נאָענט גראָז.
שטיל איז אויף מיינע ברידערס קברים.
אוי, „ברידער און שוועסטער
פון אַרבעט און נויט,
אַלע צוזאַמען" —
די ערד איז ניט טויט.

עס זינגט אין מיר
דער ניגון פון שבועות —
די בערג זינגען מיט.
אויף פעלדער וואַקסן די תבואות,
אויף בערג וואַקסט קיין זאַך ניט,
חוץ מיין ליד.

עס וויינט אין מיר
דאָס געוויין פון מײַנע ברידער —
די בערג וויינען מיט.
אין טאָל וואַקסן די ביימער
מיט אַ ווײַסן עפּל־צוויט.

די טורעמדיקע בערג
טוליען זיך אין פֿאַרנאַכטן.
מיט שאָטנס שפּילט זיך דער זון־פֿאַרגאַנג.
אָט דעקן זיי אָפּ אַלע פֿאַרדאַכטן,
אָט הילן זיי אויף אַ זון־געזאַנג . . .

פֿאַרוואָס קען איך עס ניט רואיק צוקוקן,
פֿאַרוואָס וויינט אין מיר מײַן געזאַנג?
אָט וועלן די בערג זיך נאָך מער צונויפֿרוקן —
עס ברענט דער הימל אין זײַן פֿאַרנאַכטיקן גאַנג.

⁂

שטיל רעגנט אין די בערג,
אין די אָפענע טורעמדיקע בערג.
עס רעגנט אויף גראָז,
עס רעגנט אויף שטיינער
און עס רעגנט אויף וואַסערלעך
וואָס פליסן פון די בערג.

געדיכטע וועלדער זיינען איינגעוואָרצלט איבער די בערג,
געדיכטע וועלדער אַרום שטיינער געוויקלט.
קרישלט זיך אַ שטיינדעלע פון באַרג,
שווענקט עס דער רעגן אָפּ
און טראָגט עס דורך לויפנדיקע וואַסערלעך
צום שטראָם פון וואַסערפאַל,
צום תהום פון וואַסערפאַל,
מיט אַ געזשום,
מיט אַ געבּרום
פון פריידיקן אַרום.

שטיל רעגנט אין די בערג
און שטילער נאָך וואַקסן שטיינער דורך די נעכט
צו צעמענטירן די אייביקע גבורה פון בערג.
צו דערהויבן די הויכקייטן פון די טורעמדיקע בערג.

⁂

לאָמיר קלעטערן,
לאָמיר קלעטערן
צו די הויכקייטן פון די בערג,
צו די ווילדקייטן פון די בערג
העט אַרויף, אַרויף —
די וואָלקנס צו דערגרייכן.
ס׳איז פריער פאַרטאָג אין די בערג,
ס׳איז נעפּלדיקער פוך,
גערוך פון טוי,
פון פרישע נאָדל־ביימער,
אויסגעוואַשן דורך די נעכט,
אויסגעקרעפטיקט דורך די נעכט.
יעדעס בלעטעלע האַלט פאַרזיכטיק אויף
די טראָפּנס טוי.
קיין ווינט. קיין שאָרך.
עס שלאָפט דער וואַלד,
עס שלאָפט דער באַרג
באַהעפט מיט וואָלקנס איבער זיך.
מ׳ווייסט נאָך ניט צי די זון וועט אַרויס,
צי אַזוי
אַ גאַנצן טאָג
וועט אָפּשלאָפן דער וואַלד,
דער באַרג,
דער נעפּל.

***

דער דרך־המלך
האָט זיך אַריינגעריסן דורך אינגעווייד פון בערג.
דער דרך־המלך איז אַ שלאַנג
וואָס שלענגלט זיך, וויקלט זיך
מיט רחבותדיקן פאַרנעם,
און צעטיילט די בערג אויף צוויי.
סטאַרטשען צעריסענע גלידער־בערג,
נאַקעטער שטיין,
הרודעס אָפּגעדעקטע שיכטן.
דורך דורות פאַרשלאָסענע,
דורך דורות פאַרהוילענע
האָבן זיי צום ערשטן מאָל די זון דערזען,
דעם הימל דערזען,
דעם אייגענעם האַלבן באַרג־גוף דערזען —
דאָס האַרץ אויף צווייען צעריסן —
בענקען צעריסענע בערג נאָך גאַנצקייט.
שטרעקן זיך שטיינער־שפּיצן אין זון,
ווילן זיך צוריק אַרומנעמען,
פאַרגאַנצן,
פאַראיינסן
און קענען שוין נישט.
ביז די האַלבע בערג וועלן זיך אַליין פאַרונדיקן,
אַליין ווידער ווערן גאַנצע בערג.

דער דרך־המלך
איז דער שכל־הישר פון ציוויליזאַציע,
דער גוטער־ברודער פון פעלקער,
דער וועג פון האַנדל־וואַנדל,
דער קיצור־ימים פון צייט,
צו ברויט, צו זון,
צו גליק.

אַ גאַנצן טאָג רודערט דער וועג,
אַ גאַנצן טאָג איז אויף און אָפּ.
אַ גאַנצע נאַכט זשומען פייערלעך פאַרביי,
ווי פייער־פליגן צינדן זיך און לעשן,
און די בערג אַרום קוקן שטום,
פאַרחושט פון אומענדלעכן געררודער,
און זעלטן ווען כאַפּן די בערג אַ דרימל,
ווען דער דרך־המלך שטילט זיך איין,
אויף קורצע מינוטן שטילט זיך איין.

⁂

אין די בערג שטייט אַ פאַבריק,
אַ פּאַפּיר־פאַבריק.
לויכטן די שויבן דורך די נעכט
מיט פרייד פון ליכטיקן באַשאַף
אַזוי כישופדיק און עכט.
טאָג און נאַכט
קאָכן קעסלען,
מישן דאָס פּאָלפּ־געהילץ,
פירן דאָס דורך וואַסערן,
דורך כעמישן סובסטאַנץ,
דורך פאַרע און לאַקיר
און אויף די פליסיקייטן
אַזאַ יצירה־גלאַנץ:
אָט איז דאָס אַ וואַסער־שטראָם
און אָט
אין אַ רגע בלויז —
שוין פּאַפּיר.

וואונדערלעכער באַשאַף
ווערט אויף אַ רגע ניט פאַרלוירן;
דער חלום פון ווייס פּאַפּיר
אויף מאַשינען ווערט געבוירן.

דער חלום פון ווייס פּאַפּיר
ווערט מיט ליכטיקע וואַסער־צייכנס פאַרשניטן,
אַזוי וויקלען זיך באַלן אָן אַ שיר
דורך טעג און נעכט געביטן.

און נאָר די בערג אַרום
ווייסן דעם סוד
פון באַשאַף און פון יצירה;
זינגען אין הימל די שטערן
דורך די נעכט שירה.

לויכטן די שויבן דורך די נעכט
מיט מי און מיט ליכטיקן ברומען;
ס'איז דער באַשאַף כישופדיק און עכט,
ווי עכט ס'איז פון גרילן דאָס זשומען.

.1945

⁂

ס'האָט זיך אייך אויסגעוויזן:
מיין זון איז קראַנק,
זענט איר געקומען
צוויי אַלטיטשקע,
צוויי אַלטיטשקע.

איר זענט שוין אַ וועלט אויסגעווען,
אַ וועלט אויסגעזען —
קלוגע אַלטיטשקע,
נאָר אַז ס'האָט זיך אייך אויסגעוויזן:
מיין זון איז קראַנק,
האָב איך אייך בײַ מיין שוועל דערזען,
ווי דער פאַרנאַכט קומט צוגיין, —
צוויי אַלטיטשקע.

איר האָט מיר רפואות געבראַכט
מיט אייערע שטילע רייד,
ליבע אַלטיטשקע;
די זון איז פאַרגאַנגען מיט אַזאַ שטילער פרייד
צוליב די צוויי אַלטיטשקע.

מאָנט־ראָלאַנד, 1946.

בריִדער

אין קיינעמס לאַנד

דער וואַלד איז אויפגעריסן מיט קולות און געשרייען,
דער וואַלד איז אין שקיעה בלוטיק צעצונדן;
אַ קימפּעטאָרן קאָרטשעט זיך אין געבורט־ווייען:
באַלד קומט אַ קינד אין קיינעמס־לאַנד אין מוראַדיקע
שטונדן.

עס לויפט אין וואַלד אַ ווינט, אַ וויוגע אַ צעקנאָדלטע,
עס טרייבן נאַציס מיט בײטשן יידן, קינדער און זקנים;
עס טרייבט אָן די נאַכט פינצטערניש פאַר פאַרוואָגלטע.
לויפט מען. לויפט די שרעק פאָראויס מיט זיי אינאיינעם.

לויפט אַ בלינדער זקן, איז נאַכט פינצטערער ווי תמיד,
עס לויפט אַ מאַמע מיט אַ זויג־קינד און אַ קינד
ביי דער פּאָלע;
סאָפּעט אָטעם צעצונדן און שרעק צאַנקט ווי אַ נר־תמיד.
ביימער רייסן זיך פון וואָרצל מיט אַ פאַרפלוכטער קללה.

נאַציס יאָגן אויף אויטאָס אין געאייל צו גרענעצן ווייטע;
נאַציס טרייבן די מחנות ביז צום לעצטן צאַפּל;
געשרייען רייסן זיך, צעבראָסטעטע און ווילדע
און לעשן אין נשמות דעם לעצטן שוואַרצאַפּל.

עס שרייט דער וואַלד צו אַלע ווייטסטע וועלטן: העלף!
עס שרייט דער מיטלאַלטער מיט קרייצצוגגן און
שייטער־הויפנס.
אַרומגערינגלט אויף אַלע זייטן זיינען יידן פון נאַצישע
וועלף
און ניטאָ וואוהין פון קיינעמס־לאַנד אַנטלויפן.

גרענעצן פאַרהאַקן זיך אויף שלאָס און אויף שטאָלענעם
ריגל;
דער עמוד־האש פלאַקערט און צינדט די ערד אין צאָרן;
אַלע צווייגן וויגן איבער וואַלד אַ יידיש קינד אין וויגל;
און משיח ווערט ביי אַ מאַמען אַ וואָגלערין געבאָרן . . .

און משיח גייט אויף מיט גבורה פון טויזנטער עקשנים,
מיט אַ שמייכל פון צער אויפן ליכטיקן פנים.

מירן היינט ביינאַכט זיך שיידן...

זינג מיר, ליבינקע, אַ ניגון,
איי־ליי־לו־ליי־לו:
ווי דו טוסט דאָס קינד פאַרוויגן
אין זיין צאַרטער רו.

זינג דעם ניגון שטיל און שטילער,
זינג אים צאַרט אַזוי;
ווען עס ווערט דער אָוונט קילער
און סע פאַלט דער טוי.

מירן היינט ביינאַכט זיך שיידן,
כ׳גיי אין קריג אַוועק —
וואָס־זשע קען מען דען נאָך ריידן,
ווען עס רעדט די שרעק.

וויש, מיין ליבע, אויס די טרערן,
שטאַרק זיך אין דיין פיין;
כ׳וויל דעם ניגון איצטער הערן,
זינג מיר, ליבסטע מיין!

איך וועל, ליבסטע, זיכער קומען
פון דעם בייזן קריג;
הערסטו ווי קאַנאָנען ברומען:
ס׳גרייט זיך שוין דער זיג.

איבער וועלט איצט ברענט אַ פייער,
פלאַקערט ביזן ביין;
ביסט מיר אַזוי ליב און טייער,
כ׳לאָז דיך ניט אַליין.

כ׳וועל דעם ניגון גוט געדענקען
אין דער גרויער נאַכט;
איבער אונדזער ביידנס בענקען
פלאַקערט שוין די שלאַכט.

זינג מיר, ליבינקע, אַ ניגון,
איי־ליי־לו־ליי־לו;
ווי דו טוסט דאָס קינד פאַרוויגן
אין זיין צאַרטער רו.

אַ שיף גייט אַפּ

לאָז מיר צומאַכן די אויגן אַט־אַזוי.
צופיל טומל אין מיין קאָפּ פאַרקליבן.
איך זע די שיף, סאָלדאַטן; דער טאָג איז גרוי;
איך אַליין בין דאָ דערווייל פאַרבליבן.

דער טאָג איז גרוי; דאָס פנים פון סאָלדאַט נאָך גרויער.
זיין בליק אויף טיפע וואַסערן אַריינגעשניטן.
יעדער שפּאַן געפאַר: שונא אונטער וואַסער לויערט, —
אַ טאָרפּעדאָ קען אַריינהאַקן אינמיטן.

איך בין דאָ — אין רעזערוו — גרייט צו אַלע שליחות,
אויסצופּילן פלאַץ פון אַ געפאַלענעם אין ריי.
ס'איז דער קאַמף דער לעצטער מיט די נאַצי־רוחות,
ס'גיט דער מוט פון העלד אויף דורות אַ פּאַרוויי.

ס'גיט דער מוט פון העלד אויף דורות אַ פּאַרוויי.
אַט ערשט, אַט איצט דערהייבט ער זיך צו לעצטן אָנפאַל.
אַט ערשט, אַט איצט הילכט־אָפּ גבורהדיק געשריי
מיט יעדן זאַלפּ פון דונערדיקן האַרמאַט־געקנאַל.

פראָנטן, פראָנטן אויף אַלע קרייצנדיקע וועגן;
חורבן, חורבן פאַרפּלייצט די גאַנצע וועלט;
אינוואַזיע רוקט זיך אויף אַלע שונאס ברעגן.
דאָס לעבן גייט אין קאָן; דאָס לעבן איינגעשטעלט.

דער טאָג איז גרוי; דאָס פנים פון סאָלדאַט נאָך גרויער.
איך טראָג אַוועק פון וואַסער זיין פאַרשטאַרטן בליק.
די שיף גייט אָפּ. זיין פנים וויקלט מיך אין טרויער
און די ליפּן שעפּטשען: קום, סאָלדאַט, געזונט צוריק!

ביים וואַסער

זי איז געשטאַנען ביים וואַסער
די בלאָנדע — אַליין;
עס דאַרף איר סאָלדאַט
אַהער קומען צוגיין.

זיינע טעג זיינען געציילט
און דער אורלויב גייט אויס;
די נאַכט אַזוי קורץ;
די טעג — אַזוי גרויס . . .

זי איז יונג, זי איז שיין
און פון זאָרג ווערט זי אַלט.
קומט ער צוגיין —
ווערט איר פּנים צעשטראַלט . . .

. . . ער רעדט און ער רעדט
אַזעלכע מאָדנע רייד:
„ניטאָ אין דעם לעבן
קיין גרעסערע פרייד

ווי גיבן דאָס לעבן
אינעם איצטיקן קריג;
און קומט מען צוריק —
וואָס איז גרעסערער גליק?"

ער קוקט אויפן וואַסער,
זי קוקט אויפן בריק —
„בלייב איך נאָר לעבן —
בין איך מיט דיר דאָ צוריק.

און אויב ניט —
בלייבסטו פריי,
נאָר איך וועל דיר, ליבסטע,
ביזן סוף בלייבן טריי״.

זי שטייט און זי ציטערט —
ער נעמט זי אַרום —
עס קלאַפּט איר דאָס האַרץ
און אירע ליפּן — שטום.

ער קוקט אויפן וואַסער,
זי קוקט אויפן בריק —
ס׳איז זיין שיף שוין געפאָרן
אַהין און צוריק.

ער האָט שוין דעם טויט
פאַר די אויגן געזען;
מיט זיין אייגענעם חבר
דאָס אומגליק געשען.

ער איז שוין געוואוינט
און ער גייט אויפדאָסניי —
„געדענק־זשע, מיין ליבסטע,
כ'בלייב דיר געטריי".

ער רעדט און ער רעדט
און די בלאָנדע פאַרשטייט —
ער רעדט און ער רעדט
ביז די נאַכט פאַרגייט.

ביז ס'לעשן אין הימל
די שטערן זיך אויס;
אַליין בלייבט דאָס מיידל —
דער סאָלדאַט שפּאַנט פאָראויס.

ברידער

זיינען געקומען צו אונדז ברידער
אין אַ ברידערלעכער שליחות:
געבראַכט האָט איינער זיינע לידער,
דער צווייטער — שלום-עליכם יחוס.

פעפער און מיכאָעלס —
זין פון לאַנד פון די סאָוועטן;
געטרייע זין ישראלס,
האָבן מיר צו זיך פאַרבעטן.

פופציק טויזנט מענטשן,
פופציק טויזנט יידן,
געקומען זיינען בענטשן,
אייניקייט צו שמידן.

פלאַקערט פרייד און ציטער
אין הערצער — פופציק טויזנט:
„זאָל פאָלקס נקמה ווערן אַ געוויטער,
דאָס פאָלק וויל מער ניט פויזן".

פלאַטערן צעווייטע פאָנען
פון באַפרייטע מענטשן,
רופן זיי און מאָנען —
שטערער צו פאַרשילטן, אייגענע צו בענטשן.

בענטשן די סאָוועטן
און די געסט די ליבע;
מיט ליכטיקע ראַקעטן
דער הימל האָט געפּיבערט.

ווער קען עס אויסדערציילן
פון דעם ווינד־און־ווײ;
מען מוז די וואונדן היילן,
און צוזאַמען אויפן שונא גיין.

געבענטשט איז זייער קומען
אין אונדזער פרייען לאַנד!
די בראַוואָס ברומען, —
ברומען מיט נקמה־בראַנד.

אַ ים צעשטורעמט, —
צעשטורעמט איז דאָס גליק;
50 טויזנט יידן פירן זיי געאָרעמט
מיט אַ טרער אין יעדנס בליק.

אויפן ברוסט אַן אָרדן
ליכטיקט העל:
פּאַר ליד און שפּיל דערוואָרבן —
אויף סטאַלינס באַפעל.

פאַר מיכאָעלס שפּילן
און פאַר פּעפערס ליד;
אין דעם לאַנדס העכסטע צילן
איז אונדזער קולטור אינדערמיט.

אַ גרוס פון העלדן
פון דער גרויסער שלאַכט
און אַ גרוס פון סטאַלינען
האָבן זיי געבראַכט.

און מיטגעבראַכט דעם צאָרן
קעגן אונדזערע הענקער,
און די שבועה וואָס זיי האָבן געשוואָרן
יעדע טרער צו געדענקען.

אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם
נעמט אַלעמען אַרום.
פעפער שטרעקט זיין אָרעם,
טוט גבורהדיק אַ ברום.

אַ קול האָט זיך צעשריען, —
ס'איז דאָך מיין ברודערס קול —
מיט אַ פלאַקערנדיקן בריען,
מיט אַ גליענדיקן שטאָל.

פון אַלע זיינע לידער
האָט ער איין איינציק וואָרט געבראַכט:
„ב ר י ד ע ר!״ —
אַ דונער האָט געקראַכט.

און דאָס וואָרט מיכאָעלס׳
בריט און ברענט;
פון זיין „שמע ישראל״
האָבן מיר אַלע זיך דערקענט.

„. . . פון מאַמעס טרערן,
פון זיידנס וויי;
ס׳וועט ניט פאַרגעבן ווערן
איין אַנגסטיק אויסגעשריי״.

„ווי ס׳איז איצט דאָ נאַכט
און דאָרטן הייבט אָן טאָגן;
וועלן מיר זיגרייך שלאַכט־נאָך־שלאַכט
דעם שונא דערשלאָגן!״

ברידער, ברידער: פעפער און מיכאָעלס,
ס׳גריסט אייך הייס די שטאָט!
טייערע זין ישראלס:
„זייט געבענטשט פון פאָלק און גאָט!״

יולי, 1943.

רואיק פליסט דער סלושטש

מיין שטעטעלע,
כ'האָב זיך ערשט געקליבן זינגען וועגן דיר
און דו
ביסט שוין נישטאָ.

געבליבן איז דער סלושטש,
דער שטילער טייך,
וואָס האָט יעדן ערב־זומער צוגענומען
אַ געשאַנק
און אים אַרויסגעוואָרפן ווייט
אַהינטער די גרעבליעס.

שטילער טייך מיינער —
כ'קען דיך אויך פון קריע־צייט,
ווען דו פלעגסט פאַרשווענקען
בריק און טויער,
אָנשלאָגן זיך אין געלאָף, פאַרפלייץ,
אויף דעם פאַבריטשנעם טויער.
איבעררייסן,
איבערבייסן
אַלע צוימען ביי די ברעגן,
אַלע לאָנקעס אויף די וועגן,
אַלע שטיבער
אין דער נידער
און מיט רוגזה און האַרמידער
האָבן אייז־קריעס פאַרטראָגן
פויערישע שטאַלן,
ווי ס'וואָלט אַ מבול
אַלע שטילע ברעגן דאָ באַפאַלן . . .

מיין שטעטעלע —
די קריע־צייט האָט געדויערט יאָרן,
די קריע איז געוואָרן מער ווי מבול,
כאָטש דער טייך האָט דאַן געַרוט,
האָט דער אכזר אין דיינע וואַסערן
אַריינגעגאָסן שטראָמען בלוט
פון שטעטלדיקע יידן.

איצט איז פרידן.
עס שיינט די זון אויף דעם סאָסנאָווען וואַלד,
עס קערן זיך צוריק די פּאַרטיזאַנען־יידן —
— שוין לאַנג פאַרשטיקט איז ווילדער גוואַלד
רואיק פליסט דער סלושטש.

וויפיל ברידער זיינען דאָרט פאַרבליבן,
וויפיל האָבן זיך פון וואַלד צוריקגעקליבן,
וויפיל זיינען פון דער ווייט געקומען,
וויפיל וועלן שוין אויף אייביק שטומען?
רואיק פליסט דער סלושטש.

גרויסע שלאַכטן זיינען ביי דעם סלושטש געגאַנגען,
ערב גרויסע זיגן האָט מען דאָרט געהאַלטן אין דערלאַנגען;
אַלע וועגן האָבן געפירט דעם זיג אַהין
און פון דאָרט, קיין וואַרשע און בערלין.

אַן אָוונט אין ניינצן-פערציק

ס׳איז דער אָוונט צוגעפאַלן שטיל און ווייך און צאַרט,
ווי ס׳וואָלט ניט געווען קיין טאָג היינט אין יאָר
ניינצן־פערציק.
אויף די גראָזן, ביימער איז ניט געפאַלן קיין פאַרדאַכט,
ס׳איז אויף זיי אַ טוי געפאַלן קיל און אָפנהאַרציק.

די אָפּרו־שעהען האָבן ניט אויסגעלאָדן מיינע זאָרגן
פונעם טאָג.
ס׳וועט דער מאָרגן דאָך נאָך צאָרנדיקער אַהערצו קומען;
און ברענגען וועט ער בראָך־נאָך־בראָך
און קלאָג־אויף־קלאָג;
ווי־זשע קען איך זיך דאָ איינוויגן מיט טוי אויף בלומען?

שטיל איז אָוונט צוגעפאַלן, נאָר ניט אויף מיין געמיט,
ווי כ׳וואָלט געווען אַן אויסגעוואָרצלטער, אָפּגעהאַקטער
שטאַם,
אין טונקלקייט האָבן פליגעלעך פון אומרו אויפגעגליט
און אויפגעלויכטן אין אַ פאַרצערנדיקן פלאַם.

דער טאָג איז היינט אַוועק אין שלאַכט מיט אַ גאַלאָפּ,
מיט פליגלען און מיט טאַנקן געפאַנצערטע אין שטאָל.
צעראָיעט אַלץ, צעשטערט, און געפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ,
און צו אָוונט־צו אַ שטילקייט איז געקומען מיטאַמאָל.

צוגעדעקט דעם חורבן מיט אַ פֿאַרשטיקטן רויך
און זיך אָפּגעטראָגן העט אין וואָלקנס ווייט אַוועק.
אין איילעניש זיינען פֿייגל פֿאַרבייגעפֿלויגן אין דער הויך
און אינעם פֿלאַטער־פֿלי צעווייעט זייער שרעק.

ס׳איז דער אָוונט צוגעפֿאַלן שטיל און ווייך און צאַרט,
ווי ס׳וואָלט ניט געווען קיין טאָג היינט אין יאָר
ניינצן־פֿערציק.

צי לעבט מיין ברודער נאָך?...

... צי לעבט מיין ברודער נאָך?
זיין פרוי,
זיין קינד?
איך בין אַזוי ווייט פון זיי —
אַזוי נאָענט צו זיי...
מיך האָט די מלחמה אויסגעמיטן;
זיי —
פאַרשניטן...
אַלע רייד אין מיר פאַרשטומען;
אַלע געשרייען אין מיר דורכגעריסן —
פינצטערניש פאַרהילט דעם חורבן...
גיי טראַכט
פון אַ ברודער,
אַ שוועסטער,
אַ קינד —
ווען דאָס גאַנצע לאַנד
איז איין הויזגעזינט...
גיי שריי
גוואַלד
אויף אַן אייגענעם בראָך,
אויף אַן אייגענעם בראַנד —
אַז אין אָנגעזיכט פון טויט
שטעלט זיך אַנטקעגן
אַ גאַנץ לאַנד...

„איכה ישבה בדד העיר" —
אַן אַלטע קלאָג פון דורות.
אין אונדזער בלוט,
אין אונדזער מאַרך
הערט ניט אויף
צו זידן
דער ניגון
פון מאַרטירער,
פון וויסטע שטעט,
פון העלדן־יידן;
וואָס וואָלט אונדזער לעבן ווערט געווען
אָן קידוש־השם!
וואָס וואָלטן מיר פאַרצייכנט
אין דער געשיכטע פון פאָלק,
פון וועלט —
אויב ניט דעם רצון,
דעם ווילן,
צו זיין,
צו לעבן,
אַריבערלעבן . . .

ס'שטילט זיך איין דער רעש,
דער ציטער פון קאַנאָנען,
איבער חורבות הייבט אָן שיינען
אַ נייער הימל —
אַ רעגנבויגן נאָך אַ מבול —
געשוואָרן האָט דער מענטש,

דער קריגער,
דער גערעכטער זיגער,
אַז ס׳וועט קיין חורבן מער ניט קומען.

אָ, לייטער זיך אויס מיין געמיט.
אפשר וועט מיין ברודער נאָך קומען צוריק.
און וועט ער, חלילה, ניט קומען —
(ס׳איז דאָך געווען אַזאַ „געראָטענער“ שניט!),
בין איך שטאָלץ מיט זיין העלדישן טויט
און כ׳וועל זיין ליכטיקן פאַרגיין
ניט פאַרשוועכן מיט געוויין.

מיין עלטערער ברודער

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין ברודער הערשל.

מיין עלטערער ברודער האָט אויף טעלער קווייטן געמאָלן,
אויף סערוויזן חלומות געפאַרבט —
פאַסיקלעך, רינגעלעך אויף טשייניקעס און שאָלן;
די לבנה און די שטערן האָט ער אין זיי איינגעקאַרבט.

פסחדיקע כוסות, ווי אין לעגענדעס באַשריבן,
און די קערה־טעלער מיט גאָלד אויסגעצירט;
אַמאָל האָט מען יידן צו ליים און ציגל געטריבן,
האָט ער די קנעכטשאַפט געמאָלן מיט פאַרבן געדיכט.

אַמאָל האָט מען יידן אויף שייטערס געצונדן,
האָט מיין ברודער געמאָלן דעם קידוש־השם;
משיח ביים טויער צעבינדט זיינע וואונדן —
מאָלט מיין ברודער געשיכטע מיט ברייטן פאַרנעם.

אָ, ברודער, מיין ברודער, דיינע פאַרבן דערשרעקן,
אָ, ווייז מיר אַ נס!
מאָלט מיר מיין ברודער אַ שלאַנג פון אַ שטעקן
אויף קרעדענצן־געפעס.

מײַן טאַטע דער טעפּער

מײַן טאַטע אַרבעט בײַ דער קאָרבע,
פֿורעמט טעלער, שיסלען אויס;
כחומר ביד היוצר —
דעם טעפּערס תּפֿילה איז דאָך גרויס . . .

דרייט זיך פֿורעם ווי אין חלום,
פֿינגער גלעטן אויס דאָס ליים;
אינעם האַרץ און אין די לונגען
ריזלט סם אַרײַן געהיים . . .

פֿאַלט אַן אָפּשײַן אויפֿן פֿורעם,
שפּילט די ליים צעגרינט, —
דרייט זיך קאָרבע ווי אין שטורעם,
דרייט זיך ווי אין אַ ווירבל־ווינט.

טעלער, שיסלען, שאָלן שפּילן
אויפֿן פֿורעם בענקשאַפֿט אויס;
ס׳איז אַזוי דעם טעפּערס ווילן;
און זײַן ווילן איז דאָך גרויס.

דאָס שטומע ליים אין האַנט פֿון טעפּער,
נאָגט דעם דומם אין געהיים —
פֿון ליים האָט ער צעהעלט אַ חלום,
זײַן חלום איז אַרײַן אין ליים . . .

V-E DAY

די באָגאָמאָלניס געשענקט.

װאונדערלעכער טאָג.
יונגער, פרישער, זומערדיקער פרימאָרגן
אין דעם װאונדערלעכן ניאַגאַראַ־פאָלס.
אין דיר, טאָג, ליגט אַזוי פיל פאַרבאָרגן
געשיכטלעכער זין,
פריידיקער צאַפּל
אויף דור־דורות,
אויף אייביקייט.
סירענעס פייפן,
קינדערלעך לויפן פון די שולן
און ביי די שװעלן
באָבעס, מאַמעס,
קינדער קװעלן —
פאָנען װייען,
הערצער שװעבן,
מאַמעס װיינען:
אַזאַ טאָג נאָר צו דערלעבן!
אַזאַ טאָג נאָר צו געדענקען!
אַזוי פשוט װעלן זיך לעגענדעס װעבן
פון דעם ליכטיקן פרימאָרגן.
ניאַגאַראַ װאַסערפאַלן
געדענקט עס!
ניאַגאַראַ װאַסערפאַלן,
זייט עדות
פון אַ ליכטיקן באַגינען
אויף דער װעלט.

מאַי, 1945.

דאס שטילע וואָרט וויל איך זאָגן . . .

דאָס שטילע וואָרט וויל איך זאָגן,
דאָס שטילסטע מיטן טיפסטן זין;
עס זאָל ווי אַ קוואַל אויפשלאָגן,
מיט שפריי דורכזיכטיק און דין.

דאָס דינע וואָרט וויל איך שפּאַלטן,
דאָס דינסטע צעשפּאַלטן אויף צוויי,
עס זאָל אין אים זיך באַהאַלטן
די פרייד פון פריען פאַרזיי.

דאָס ציטערדיק וואָרט וויל איך גלעטן,
פאַרהילן מיט דעם מיין געשריי; —
עס וועט דערפון קיינער ניט שפּעטן,
ווייל ס׳איז וואָרט פון בראַנדיקן ווי.

דאָס בראַנדיקע וואָרט וויל איך היילן
מיט צאַרטן, מיט מאָכיקן זאַלב;
ס׳וועט דאָס וואָרט שוין דערציילן
ווי ס׳האָט זיך געשפּאָלטן אויף האַלב.

דאָס מוטיקע וואָרט וויל איך זאָגן,
צום פאַרוואונדיקטן מענטשן אין שלאַכט:
ס׳וועט זיך איינשטילן דאָס קלאָגן
אינמיטן פון פינצטערער נאַכט.

גרויסשטאָט

גרויסשטאָט

האָסט אונדז אַריינגעכאַפּט אין דיינע קלאַמערן, גרויסשטאָט,
האָסטו זיך צעגלאַנצט מיט גאָלדענע פייערן פון זון.
היינטיקע אַרבעטלאָזע האָבן אַמאָל געבויט טורעמס
דאָן־קיכאָטישע
וואָס־זשע האָבן זיי איצט דערפון?

ביסט שיין אין דיין געפורעמטקייט, גרויסשטאָט, ביסט שיין,
ווי אַ בוים פאַרצווייגט — אַזויפיל פענצטער אין בעטאָן,
הענט מיינע, אין פאַרלוירנקייט, ניט איר אַליין
ווייסט איצט ניט וואָס מיט זיך צו טאָן.

ס'איז ניט געווען קיין אָפּשטעל צו קלעטערן אין הויכן,
ווער האָט עס געקלערט אַז געפאַר באַדראָט —
ס'האָט באַפּעל דערגרייכט צו פאַרטשאַדעטע רויכן,
און געבראָכן האַלדז און נאַקן האָט דאָן־קיכאָט.

אויף רייכע בירזשעס האָט מען דראָטן קונציקע געצויגן.
ווי אַ דונער האָט געטראָפן דער פריטשמעליענדיקער קראַך,
גליקן דאָן־קיכאָטישע זיינען וואו פאַרפלויגן
און אַרבעטלאָזע זיינען געבליבן אָן אַ לעכערדיקן דאַך.

מאַרשירן מיר איבער שטאָלצע גרויסשטאָטישע גאַסן
און באַוואונדערן דיין עלעגאַנץ און פראַכט:
מיליאָנען־ווייז, אין געמיש פון קאָלירן, ראַסן,
דעם טאָג אַזוי ביז שפּעטער פייערדיקער נאַכט.

האָב נישט מורא מײַן קינד

האָב נישט מורא, מײַן קינד, די אײַזערנע שטאַנגען
אין פײַער געגליט
האָט דײַן טאַטע מיט ציגל און לײם פֿאַרבויט אויף גראַניט.
סירענעס און קוימענס אויף דעכער האָבן זיך אין וואָלקנס
פֿאַרלאָרן,
מיט שווייס און מיט בלוט איז גרויסשטאָט געבאָרן געוואָרן.

האָב נישט מורא, מײַן קינד, דאָ איז פֿינצטער און נאַס,
פֿאַרשטעלט האָבן וועגט די שײַן פֿון דער זון אויף דער
אַרבעטער־גאַס.
פֿאַרשטעלט האָט דעם הימל אַ בריק פֿון שטאָל און פֿון אײַזן,
קאָן זיך די זון ניט אין חרובע אַרבעטער־היימען באַווײַזן.

די גאַסן געבויט זײַנען שמאָלע, מיט קאַנען פֿול שמוציקע
מיסט,
קומט מען פֿון אַרבעט אַ מידער, זאָל רו זײַן פֿון ריחות
פֿאַרוויסט.
קומט מען באַליידיקט, באַשפּיגן, באַרויבט און פֿאַרלאַכט,
שרײַט די נויט אויף די גאַסן מיט רוגזה ביז שפּעט אין דער
נאַכט.

די שטאָט איז מיט בריקן פֿאַרוואָרפֿן: אויף בריקן אַ ליכטיקע
וועלט;
אונטן, אין קעלערס, אויף ברעג פֿונעם טײַך, ציטערן
קינדער אין קעלט.

אויבן איז שיין פון עלעקטרע, לבנה, עס זשומט הויך אַן
ערָאפּלאַן,
אונטן וויגט זיך אַ לאָמפּ אין דער פינצטער און באַלייכט
אַ שמוציקע קאַן.

האָב נישט מורא, מיין קינד, ס׳איז אונדזער גאַס איצט
פאַרפראָרן אין ציטער,
גייט אָפּ נאָר דער פראָסט און ס׳צעוויגט זיך אַ ווילדער
געוויטער.
ס׳גייט אָפּ די קעלט ווערט אונדזער הויך ווי צעמענט
אויף שטאָלענע גלידער
און מיר שמידן אַנטשיידן דעם לעצטן פאַרנעם
פון אַרבעטער־ברידער.

נויט

עס, טאַטעלע מיינער, דאָס פּיסנע שטיקל ברויט,
ס'איז מער גאָרנישט אין שטוב ניט פאַראַן;
דיין טאַטע דער סטאָליער האָט אַלע הייזער פאַרבויט,
בלאָנקט ער איבער גאַסן מיט אַ פאַרהאַלטענעם שפּאַן.

ווער ווייס וואָס דער טאַטע ווערט ברענגען צוריק,
כאָטש ניי־אויף אַ טאָרבע צו גיין איבער די הייזער —
כאָטש אויך פּוסט זיינען אַנדערע שטיבער.
אַניט, זונעלע קליין, קומט אויס צו פאַרפלעכטן
אַ שטריק;
עס־זשע, זונעלע, עס; לאָז די ברעקלעך נישט איבער.

ציטערסט, מיין יינגעלע, ביסט בלוי און ביסט גרין,
דאָס מאַנטעלע וואַרעמט ניט די פאַרפרוירענע
גלידער;
אוי, קרוינעלע מיינער, די נויט וועבט ווי אַ שפּין
פּעדעמלעך צאָרן אַרום אַרבעטלאָזע ברידער.

אויף די איסט-סײַדער גאַסן

כ'האָב הײַנט שפּאַצירט אויף די איסט־סײַדער גאַסן.
שוין לאַנג דאָרט ניט געווען, ניט געווען.
אַזאַ געמיש פון קאָלירן, פון ראַסן
האָב איך ווידעראַמאָל דערזען, דערזען.

די ענגשאַפט און די שמוץ האָט זיך ניט געביטן,
די מענטשן טראָגן דאָרט דעם שווערן יאָך.
דאָ אַ זון און דאָרט אַ ברודער האָט דער קריג פאַרשניטן
און דאָס לעבן גייט אויף פאַר זיי מיט נייעם תוך.

דער קריג האָט זיך דאָ צעשפּילט אויף אַלע שפּראַכן,
היימיש איז געוואָרן דעם שכנס בראָך;
אַ נייע חברשאַפט האָט אָנגעהויבן דערוואַכן
סײַ אין יום־טוב טעג, סײַ אין גרויער וואָך.

די גאַסן האָבן אָפּגעיובלט די גרעסטע זיגן,
איצט זײַנען די גאַסן ווידער פאַרשטיקט און ענג.
זיצן טרויעריקע מאַמעס אויף די דרויסנדיקע שטיגן
און קוקן שטאַר אויף דעם רעשיקן געדרענג.

אפשר וועט אַ נס געשען מיט זיי, אַ וואונדער,
אפשר פאָרט וועט זיך אומקערן אַ זון צוריק;
חלומען מאַמעס דעם לעצטן חלום יעדערער באַזונדער,
יעדערער באַזונדער חלומט פונעם אוממעגלעכן גליק.

די גאַסן זײַנען ענג, די גאַסן זײַנען חרוב,
נאָר פאַראייניקט האָט דער קריג די שכנים אויף דער גאַס:
ס'האָט דערוואַכט אַ געפיל ווי צו אַ געפונענעם קרוב
און אָפּגעווישט די מחיצה פון אומזיסטיקן ברודער־האַס.

פרידאַ קודין

(פון הינטער גראַטעס האָט דער טויט זי באַפרייט)

איך וואָלט געוואָלט אויף דיר אַ קוק טאָן:
ווי מיד דו ביסט, ווי מיד.
אַ קוק טאָן
און אַ צוק טאָן
ווי אויף אַ שורה פון אַ ליד.

איך וואָלט געוואָלט דיך צאַרט באַרירן,
ווי מיד דו ביסט, ווי מיד.
באַרירן
און וואו פירן
אויף אַ לאַנגזאַמען שפּאַציר.

איך וואָלט געוואָלט צו דיר שטיל ריידן,
ווי ס׳רעדט זיך דורך דער רעגן;
דערציילן
און וואָס פרעגן:
ס׳האָט פאַרפלייצט דער טייך די ברעגן.

איך וואָלט געוואָלט דיר שטיל וואָס זאָגן,
ווי מ׳פאַרוויגט אַ קינד אין וויג —
אויף סקווערן
און אויף ראָגן
פלאַקערט אונדזער קריג.

איך וואָלט געוואָלט דיר נאָכוואָס זאָגן,
מיר זיינען אָבער ווייט צעשיידט:
אויפן סקווער
האָט אַ לאָזונג
זיך פריידיק היינט צעשפרייט.

איך וואָלט געוואָלט דיר זאָגן, זאָגן,
ווי מיד דו ביסט, ווי מיד,
און העכער נאָך
און שטאַרקער
קלינגט אָפּ דאָ אונדזער ליד.

חבר יאָסל קאָטלער

דער קלאַפּ פון טויט האָט אים דערגרייכט דורך
שפּרודלדיקן שפּיל, —
צעוויגט מיט קינדערישן חן און ליכטיקן געשטיף.
עס ווערט אין האַרץ ווי פּאַר אַ שטורעם־אָנקום שטיל,
איידער לאַווע פּלאַצט וואולקאַניש אויס פון
קאָכעדיקער טיף.

אין קאָמפּאַרטיי קעמערל איז טאָג־אָרדענונג שטרענג
און האַרב,
ס'איז קאַמף קעגן קריזיס, דאַכלאָזיקייט און נויט:
צוויי חברים אויפן צעטל פון הונגער־שטאַרבער,
און אינמיטן די בשורה פון אַ צופעליקן טויט.

ווער וועט איצטער אויסמאָלן מיט קרייד אַ וואורשט
און אָפּמעקן צו שטיקלעך אָפּצונאַרן דעם הונגער?
אונדז פעלט אַזאַ הומאָר צו שטילן אונדזער דורשט,
נישטאָ מער חבר יאָסל, דער ליכטיקער און יונגער.

אינמיטן בלי, אינמיטן קינדערש־קעמפערשן געלעכטער,
לעבן וואַסערפאַל אייאַווער, וואָס פליסט מיט זוניקן געזשום,
האָט זיך פאַרהאַקט אַ שטראָם אַ מענטשלעכער און עכטער,
אין לעצט־בלוטיקן דורכרייס פאַרגאַפט אַזוי און שטום.

פאַרזאַמלונג

ס'האָבן זיך אַזויפיל אונטעריאָכטע
פאַרזאַמלט אויפן פעלד צופוסנס פונעם באַרג
און איך צווישן זיי — אַ פרעמדער אין דער שטאָט,
האָב זיך אַרומגעדרייט אַליין, געקוקט אין פנימער,
באַגעגנט זיך מיט בליקן —
נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ מוטיקער געשריי:
— ברידער!
— אַ ר ב ע ט ע ר !
און ווער פון מענגע האָט אַ פאָן צעוויקלט —
רויט אַזוי, ווי פלאַמען פון דער זון פאַרנאַכט
און ציטערדיקער פלאַטער,
ווי עס פלאַטערט ציטערדיק דאָס האַרץ
פון נאָענטן געשריי:
— העי, ברידער נאָענטע,
— אונטעריאָכטע ברידער מיינע:
— אַ גרוס אייך איצט פון לעבן און פון קאַמף:
אָט ווי עס ציט זיך ברייט דאָס פעלד,
פאַלן אויפן שלאַכטפעלד העלד נאָך העלד
און קריג איז קריג מיט שונאים און פאַררעטער,
אין אַלע ווינקעלעך פון וועלט,
וואו ס'האָט זיך שוין צעהעלט
די פאָן פון אַרבעטנדיקע מאַסן.

אָט נעכטן ערשט איז ווער פון אונדז געווען מיט אונדז
און היינט איז ער פאַררעטער, —
נאָר מחנות מוטיקע צעטרעטן אים, ווי אין האַרבסט
די בלעטער.

און טאָג נאָך טאָג, און טאָג נאָך טאָג,
עס ברענגען צייטונגען באַריכטן,
אַז ערגעץ־וואו וועט מען זיך ריכטן
צום קאַמף און ראַנגלעניש נאָך מאַכט.

און טאָג נאָך טאָג — אַ ליכטיקע דערוואַרטונג:
— ברידער,
אַ כ ט ו נ ג !
צו מוטיקע מאַרשירער
אין אינדיע, אין כינע, אין גריכנלאַנד און שפּאַניע.
און וואו נאָר עס רוקט זיך אָן אַ שטורעם,
וואָס טראָגט געזאַנג אויף ווינטן
און ס׳שפּרייטן זיך אויף דראָטן טענער
ווי ציטערדיקע, פלאַטערדיקע פענער
צו אונטעריאָכטע פון דער וועלט,
אַזוי איז איצט מיין פרייד פון גרוס צו אייך
צעהעלט!

אַזוי האָט ער גערעדט, דער חבר.
און איך — אַ פרעמדער אין דער שטאָט,
האָב זיך פאַרברידערט מיט די פרעמדע,
האָב זיך פאַרברידערט מיט די בליקן,
דאָרט וואו ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט אַזויפיל אונטעריאָכטע —
אויפן פעלד צופוסנס פונעם באַרג.

פיליפ האַלפּערין

אַפילו צו דיין לעצטער רו
האָבן מיר ביזן קבר ניט געקענט באַגלייטן דיין געביין, —
ס׳האָט קיינער ניט געוויינט.
ווייל ניט אַליין
ביסטו געוועזן אין פאַרצערנדיקן ווייִ
אויף קראַנקן־טויטן בעט;
און פון דיין לעצטן מוטיקן געשריי
האָבן חברים שטיל אַזוי אין טרויער זיך צערעדט.

אַ וואָך פון נאָענטע האָט דיך געהיט, —
אַ וואָך פון טויזנטער האָט דיך באַגלייט,
און געגאַנגען איז מען שריט אין שריט;
קרענץ מיט בלומען, און דיין גוף אין מיט.

און די גאסן אין העלקייטן צעבליט,
און די גאַסן אין ברייטקייטן צעשפּרייט,
האָט דיין הויך אויף מאַרשירנדיקע געווייט
און צו אַלעמען אַן אָנזאָג: מיר זיינען גרייט!
און אויף די גאַסן שטעלן נייגעריק פאַרבייגייער זיך אָפּ:
חברים, מ׳טראָגט דעם ארון, — די היט אַראָפּ!
די היט אַראָפּ און שטיל זאָל זיין דער גאַנג
צו פיר אין ריי,
צו פיר אין ריי,
ביז פּלוצלונג
אַן איבעררייס
און, — שטיי!

מ׳האָט דיך מיט אָרון און מיט בלומען
פאַרבייגעלאָזט אַליין,
און אונדז געהייסן זיך צעגיין.
נו, דאָס איז דאָך קיין נייעס ניט פאַר דיר;
און אַזוי אָן שיר
וועט זיך ציען פּאָליציי־אישער באַריר
ביז די קעמערלעך פון שטאָל
און די קעמערלעך פון אייזן
וועלן זייערע פייערלעכע רייד צעטראָגן
איבער אַלע שטעט, איבער אַלע הייזער.

וואָס איז טרויער אין אָנגעזיכט פון טויט,
אַז אַלעס שטאַמט פון פאָדערונג נאָך ברויט,
אַז אַלעס שטאַמט פון פאָדערונג נאָך לוין
און פאָדערונג פון אַרבעטלאָזן נאָך וואַרעמען באַוואוין.

און ווער ווי דו איז אינטים געווען מיט שריפט,
און ווער ווי דו באַקעמפט אַזוי האָט גיפט,
גיפט פון פייל וואָס איז אין בלוט צו דיר אַריין.
ביסט מער ניטאָ. נאָר ווי דו האָסט געוואָלט—אַזוי וועט זיין!
FAREWELL!

מיין מיידל איז אַוועק היינט אין פֿאַבריק

מיין מיידל איז אַוועק היינט אין פֿאַבריק
פֿעדימלעך פֿון וואָל און פֿעדימלעך פֿון לייוונט שפּינען,
קומען וועט זי העט ווען שפּעט צוריק.
ווען ס׳העלט אין בלויקייט אויף שוין דער באַגינען.

די זון וועט זי ניט זען, נאָר טונקלקייט פֿון ליכט
צעצונדן אויף די עווענייוס און סקווערן:
בלאָס און מיד, מיט פֿאַרשלאָפֿענעם געזיכט,
וועט די נאַכט איר אָרעם בלוט פֿאַרצערן.

זי בענקט נאָך זון און בענקט נאָך פֿרייד.
איר קעמפֿערישער מוט קאָן ניט פֿאַרשטומען;
ס׳גוט געווען פֿאַר אַרבעטער דערקלערן דעם באַשייד
פֿון זיגערישע טעג וואָס וועלן קומען.

און דאָ האָט זי די נויט געטריבן אין די נעכט,
פֿעדימלעך פֿון וואָל און פֿעדימלעך פֿון לייוונט שפּינען.
גייט אָן אין יונגן האַרץ אַ בלוטיקער געפֿעכט,
ס׳זאָל די נאַכט וואָס גיכער און וואָס אייליקער אַנטרינען.

מיין שכן רעב בער

דער שכן, רעב בער, רויכערט און רעדט רואיק־שטיל:
ער האָט הייזער, געשעפטן און אייניקלעך פיל.
ער איז זאַט אין יאָרן. דאָס לעבן זיינס איז געווען אַ שפיל;
זיינע שיפן פירן אים שוין צום אומענדלעכן ציל.

דער טאָג פאַרגייט דאָ. אויפן באַלקאָן קומט אָן שטיל
די נאַכט.
זיצט ער אַזוי, מיין שכן, זאַט און שלעפעריק פאַרטראַכט.
אַלץ געקומען איז וואָס זיין ווילן האָט פאַר אים געגאַרט:
געזונט, עשירות, נחת און ניט־געשטערטע מאַכט.

איך, אַן אַרבעטלאָזער ביי זיין זייט, בין אומדערפאַרן.
אויף מיין לעבן לויערן אומענדלעכע געפאַרן.
פון אַרבעט־זוכן ווערן פוסט די צאַרטע קאַשמאַרן
און דער יונגער מוח הייבט אָן איינקוואַרן און דאַרן.

וואָס זאָל איך אים ענטפערן דעם שכן מיינעם מידן,
אַז פון רוגזה הייבן מיינע בלוטן אָן צו זידן.
איך גלויב דאָך ניט אין צופאַל וואָס טרעפט צו אינדיווידן,
די גאַנצע וועלט פון קלאַסן דאַרף מען איבערשמידן.

די נאַכט אויפן באַלקאָן ווערט געדיכטער נאָך מיט זאָרגן.
ווי פייערלעך פון ווייט טליען אויסזיכטן פאַרבאָרגן.
מיין שכן דרעמלט און ווערט פון רויך ביז טויט דערוואָרגן
און לאָזט מיר איבער אַ יונגן, צאַפּלדיקן מאָרגן.

דו ווערסט אַ קינד געבוירן

דו וויינסט. דו ווערסט אַ קינד געבוירן.
ס׳האָט זיך אַ ליכטיקער געוועב פאַרשפינט.
אַזויפיל מיידלשעס האָסטו אָנגעוואוירן.
די טרערן פון די אויגן ווישט דיר אָפ דער ווינט.

אַ קוואַל פון רייד צעשפרודלט זיך אין דיר
און ליפן זאַפטיקע זיינען פאַרקלעמט.
צאַפלסט אויף פון שטילן צערטלעכן באַריר
און די אויגן דיינע קוקן אויס פאַרשעמט.

ס׳איז זון אַזויפיל אויסגעשפרייט צעהעלט,
און הייזער קוקן פרעמד צו דיר און טריב;
האָסט מיט די הענט דעם פנים זיך פאַרשטעלט
האָבן הענט געצוקט מיט ציטער: כ׳האָב דיך ליב!

איך האָב דיך ליב און ליב אַזוי דאָס קינד,
וואָס פלאָנטערט זיך מיט קעפל און מיט הענט;
וואָס־זשע טוט מען, וואָס־זשע טוט מען אָט אַצינד
ווען שרעק און פרייד האַלטן ליפן איינגעקלעמט?

דו וויינסט. דו ווערסט אַ קינד געבוירן.
ס׳האָט זיך אַ ליכטיקער געוועב פאַרשפינט.
אַזויפיל מיידלשעס האָסטו אָנגעוואוירן.
די טרערן פון די אויגן ווישט דיר אָפ דער ווינט.

רייד ביים טיש און רייד אויף גאַסן

איך זיץ ביים טיש געמיטלעך און זאָג גאָרניט און זאָג
גאָרניט.
אַרום מיר טומלט זיך. איך קוק אויף דער פאַרב
פון גלעזער טיי.
פון טייעלעך נאָגט זיך דער שמעקעדיקער צוויט.
איך זאָג גאָרניט, און פון דער שטומעניש רייסט זיך
אַ געשריי.

אַלע רייד ביים טיש האָט מען לאַנג שוין אויסגערעדט,
אויסגערעדט.
איצט ווענדן אַלע בליקן זיך מיט נייגער צו מיר, צו מיר.
דער אָוונט איז אַוועק און עס איז אין נאַכט אַריין העט שפעט
זוך איך אַ פאַרבינדונג־וואָרט צו קענען עפענען די טיר.

די טיר געעפנט, פאַרמאַכט און כ׳בין שוין אויף דער
גרויער גאַס.
אַ שטראָם פון רייד האָט זיך מיט אימפעטן צעפלייצט.
אויף זיך אַליין, אויף זיך אַליין הייבט טענהן אָן דער האַס
און האַלט מיך ביז בלוי־קאַיאָר אַזוי רוגזהדיק צערייצט.

רייד אַזויפיל, ווי טוי אויף גראָזן אין פרימאָרגן העלן.
טויעלעך ווי טרערן אין שוואַרצאַפל פון די אויגן.
מיט יעדער טויעלע כ׳פאַרצי די פאַצערקעס־קאַרעלן,
ווי אין זון נאָך רעגן — אינעם רונדן רעגנבויגן.

איך זיץ ביים טיש געמיטלעך און זאָג גאָרניט און זאָג
גאָרניט.
איך קאָן זיך ניט אינטים־אַליין מיט קיינעם ניט צערעדן.
אַז ס׳פינקלען גלעזער טיי מיט שמעקעדיקן ברוינעם צוויט,
קאָן איך ניט טיילן מיינע רייד, ווי טאָרט, צו אַלעמען
און יעדן.

נאָר עס טרעפט אָפט אין גערויש פון קרייצנדיקע גאַסן
רעד איך פליסיק און מיט אימפעט און כוואַליעדיקן ברען;
אַרומגערינגלט מיט הונגער־מענגעס; לערן איך זיי האַסן
די רו און פוילע זאַטקייט; און כ׳צערעד זיך שוין פאַר צען.

כ׳צערעד זיך שוין פאַר צען, פאַר אָנצאָליק שטומע צונגען,
וואָס רעווען אויף די גאַסן זייער וויי און צאָרן אויס.
און נישט גערעדט, נאָר מחנותווייז מוטיק זיך צעזונגען, —
אָט דאַן איז וואָרט מיינס פריידיק און אויפגעלויכטן גרויס.

אין אַ שיך-פֿאַבריק

איבער גערויש און געזשום פון מאַשינען
הענגט אַ שטיקנדיקער כעמישער אַווער.
די פֿענצטער דראַפּירט מיט גאַרדינען,
פֿאַלט אויף לונגען דער סמיקער זשאַווער.

אָ, היט זיך, ס׳זאָל ניט פֿאַלן אויף שיכלעך קיין פלעק,
באַריר ניט די שיך מיט דער האַנט.
יעדער שוך האָט אַ צודעק
ניט צו פֿאַרפלעקן דעם סאַמעט־געוואַנט.

פֿאַר פרינצעסינס אויף מאַסקאַראַד־בעלער:
שיכעלעך גאָלדענע, ווי אין לעגענדעס באַשריבן,
פון בעסטן און פיינסטן לעדער געקליבן,
מיט פֿאָרזיכט קאַפּריזנעם פֿאַר מפונק־באַשטעלער.

די קנאַפּל געמאָסטן, געציילטע די בלעטלעך,
זיי ווילן דערהויבן דעם טעכטערלס גאַנג,
מיט גאווהשן טראָט אַריבער חרובע שטעטלעך
צו גרויסשטאָט פּאַלאַצן פון ליכט און געזאַנג.

צו גרויסשטאָט פּאַלאַצן ווילן קומען די שיך
און זיך דרייען אין טאַנץ אויף גלאַנציקע דילן . . .
אָ, ווי עס לויפט דער טאָג אַזוי רעשיק און גיך,
ס׳ווילן מיידלעך די נאָרמע ניט קענען דערפילן.

אַ יום-טוב אין קלוב

שילדן אויסגעהאַנגען, — רויטינקע אַפּישן:
מ׳גרייט איצט אַ באַנקעטל אויף אויסגעשטעלטע טישן.

מ׳גרייט איצט אַ באַנקעטל מיט קישקעלעך און וואורשטן,
און פלעשעלעך מיט רויטקייט איינצושטילן דורשטן.

וויינטרויבן און עפּל, ניסלעך און מאַראַנצן,
גרייטן זיך די שפּילער, ווען פאָרלעך טאַנצן.

טישטעכער פּאַפּירענע פאַרשפּרייט מען אויף די טישן,
און פופּצן סענט אַריינטריט — מעלדן די אַפּישן.

טאָ ווער וועט דען ניט קומען און וועט דערפון ניט ריידן,
אַז ס׳מעלדן די אַפּישן פון יום־טובדיקע פריידן.

וואָס גאָר איצט אַ יום־טוב, — צו וואָס די אַלע פריידן? —
מע גיט אַרויס אַ וואַנטצייטונג, וועט זיין פון וואָס צו ריידן!

שילדן אויסגעהאַנגען, — רויטינקע אַפּישן:
מ׳גרייט דאָס אַ באַנקעטל אויף אויסגעשטעלטע טישן.

דעפּאַרטאַציע

געווען אַ נאַכט אַ רואיקע,
און פינצטער אויף די וועגן;
פאַראַנקערט שטייען שיפן גרייט
אין האַליפאַקסער ברעגן.

יאָגט דער שונא איבער לאַנד,
זוכט אין אַלע לעכער;
רואיק איז געווען די נאַכט
אויף טוי און גראָז און דעכער.

מיט אַמאָל: אַ קלאַפּ אין טיר
און נאָך איינער און פעסטער;
פון בעט פאַרשלעפּט אַ מידן גוף,
צעשיידט אַ ברודער פון אַ שוועסטער.

פלינק די באַנען קרייצן דורך,
סיגנאַלן יאָמערן אין נאַכט;
צו האַליפאַקסער ברעגן
האָט מען בונטאָווניקעס געבראַכט.

נעכטן איז אַ טאָג געווען
מיט פּענער און פּלאַקאַטן;
היינט וויינט אַ פּיצל יינגעלע
נאָך אַ צוגערויבטן טאַטן . . .

נעכטן האָט ער הויך גערעדט,
גערופן קעגן הונגער;
היינט זיצט ער שוין פאַרשפּאַרט, —
אַזאַ מוטיקער און יונגער.

נאָר ס׳קומט זיין וואָרט זיין שטאָלענער, ס׳קומט זיין וואָרט זיין בראַווער, —
אַ רוף אַ מוטיקער פון אַ פאַרשיקטן חבר!

דראַטן

איבער שטעט און איבער דערפער, — איבער מײַלן,
איבער שטרעקעס,
האָבן מיר פאַרצװײַגן, האָבן מיר צעצװײַגן הענגענדיקע
דראָטן.

פאַר טראַמװײען, טעלעגראַפן, טעלעפאָנען, טעלעװיזיע —
איבער סלופּעס, איבער דעכער אויסגעהאַנגען רופן.
און װי בליצן און װי דונער, און װי האָגל די שטאָפּעטן,
צעצינדן זיך, װיברירן זיי װי שטורעמדיקע װינטן . . .

העי, איבער װעלטן טעלעגראַמעס, ראַדיאָס צעװיקלט,
איבער לענדער, איבער ימים זיי פאַרװאָרפן און צעפליגלט:
ס׳איז די װעלט אין דראָטן אײַנגעװיקלט און געבונדן —
אײַנגעװײדן ציען זיך מיט דראָטן; צאַפּלען זיך זיגזאַגיש;
ציען זיך און װעבן זיך און קרײַצן זיך אַריבער,
זשװיען זיי און צינדן זיך מיט ברענענדיקע װינטן.

איבער שטאָט און איבער דאָרף און איבער מײַלן,
װי דער יעגער, װי דער בליץ און זײַנע פײַלן.
האָבן דראָטן אונזער רוף און אונדזער װילן שוין פאַרנומען,
װעט אונדזער רוף און אונדזער װילן צו יעדערן אָנקומען.

דערמאַנונג

און אַז דו ביסט שוין וואָכן־לאַנג פון שאַפּ פאַרוואָרפן
און עס צעוויגן זיך פאַר דיר טעג פון די פאַבריקן:
איינגעהויקערט זיצסטו לעבן לינאָטיפּ־מאַשין; און שטאַר
קוקסטו זיך איבער מיט די אותיות דורך שטומע בליקן.

צעלייגן שטראַלן זיך אויף אותיות פאַרטראַכטע
און ס׳בלענדט אין אויג אַן אות, אַ וואָרט, אַ צייכן,
ליגן אָנגעלייגט כתב־ידן און וואַרטן אין אַ ריי;
וועל איך היינט אַלץ אויסקלאַפּן דערגרייכן?

יאָגן זיך די פינגער אין געוועט, אין בליציקער שנעלקייט,
יאָגן זיך די פינגער מיט אַ ריטמישן זשומען;
מערן זיך און מערן שורות אויסגעזעצטע ווייסע
און איך צייל די פריידיקע דערגרייכונג מיט אַ ברומען.

רוקן זיך די שורות און שנעלער נאָך פאַרגייען שעהען
און ס׳רוקט זיך אָן די שעה פון מיטאָג און פון רו;
צעבייטל איך די רו אויף רוישיקע טראַמווייען
און אויף הענגענדיקן רימען האַלט איך זיך קוים צו.

און אַזוי, אַזוי ביסטו שוין וואָכן־לאַנג פון שאַפּ פאַרוואָרפן
און עס צעוויגן זיך פאַר דיר טעג פון די פאַבריקן:
איינגעהויקערט זיצסטו לעבן לינאָטיפּ־מאַשין; און שטאַר
קוקסטו זיך איבער מיט די אותיות דורך שטומע בליקן.

וואָס האָב איך דיר געבראַכט?

י. גערשמאַנען.

וואָס האָב איך דיר געבראַכט, מיין שטאָט,
מיין ליבע שטאָט,
וואָס האָב איך דיר געבראַכט?
נאָך צוועלף אָפּגעשיידטע יאָר
האָב איך געבראַכט צוריק
דאָס פאַרבענקט האַרץ,
דעם צאַפּל פון דער יוגנט,
מיין חלום וועגן גרויסשטאָט
און מיין באַגער
צו זען צוריק
די ליבע אַלטע פּנימער
פון פריינט —
אַזוי פיל הענט
ציען זיך צו מיר
היינט
אין לאָקאַל
ביי אַרבעטער־פאַרזאַמלונג;
און די ווענט,
אַפילו די ווענט
גריסן מיך
וואָס כ׳האָב אין פלאַמען פון גרויסשטאָט

ניט פאַרברענט
דעם חלום פון אייגענע,
פון ברידער.
עס ציטערט אויף מיין יעדער ריר,
פון באַריר
פון הענט געטרייע.
יעדער וויל אין מיר דערזען
זיין אייגן חלום,
זיין וואָר . . .
ביי מיין זייט — מיין זון,
ער שטייט פאַרגאַפט,
וואונדערט זיך דערפון:
— טאַטע, אַזוי פיל מענטשן קענען דיך?
און דו קענסט זיי אַלע?
— געוויס, מיין זון,
כ׳האָב דיך געבראַכט צווישן אייגענע,
צווישן ליבע פריינט.
אָט דאָ, אין דעם לאָקאַל,
האָב איך געשפּונען מיינע ערשטע לידער
און געבליבן איז דערפון
מיין גלויבן, מיין בענקשאַפט
צו ברידער;
און ווי אַ ליכט־שטראַל
פלאַקערט ער אין האַרצן ווידער . . .

דאָס וואָרט

מיר וועלן ניט אַריבערשרייען דעם געררויש פון גרויסשטאָט,
מיר וועלן ניט דעריאָגן די שנעלקייט פון אונטערגרונט־באַן;
אין איילינקן גערדרענג האָבן מיר אַ וואָרט פאַרוואָרפן
וואָס פאַרפאָלגט די ברידער אונדזערע אויף יעדן שפּאַן.

ס׳וועט ברודער אונדזערער מיט זיך עס מוזן נעמען
און וואַרעמען אין האַרץ ביי אַרבעט אין פאַבריק;
און זאָל ער וועלן זיך פון וואָרט באַפרייען,
וועט איבער האַלדז פאַרציען זיך אַ שניידנדיקע שטריק.

די שטריק איז פעסט געפלאָכטן און פאַרצויגן,
העלדזער האָבן לאַנג שוין אויסגעהויכט אין האַס; —
ווער עס וועט דאָס וואָרט פאַרראַטן,
פאַרמשפּט וועט ער ווערן פון זיין קלאַס.

דאָס וואָרט, דאָס וואָרט איז פּשוט און פאַרשטענדלעך,
דעם וואָרט וועלן ברידער אייביק בלייבן טריי:
אַ קאַמף גייט אָן, און קאַמף ווערט ערשט צעוויקלט:
עס מוזן ברידער אונטערדריקטע ווערן פריי!

פריי פון פּיין און פריי צו אָטעמען און לעבן,
פריי צו בויען ברידערלעכע שטעט:
ס׳גייט אויף דאָס וואָרט דאָס פּשוטע און ליבע,
און ס׳טראָגט עס שטאָלץ דורך דער פאַבריק אַ יונגיטשקער
פאָעט.

דינה

איך האָב שוין געזען זינלאָזע טויטן,
נאָר אַזאַ טויט ווי דיינעם האָב איך ניט געזען.
און פאַסירט האָט עס ניט אין אַ טאָג אַ פאַרגרויטן,
אין אַ זוניקן טאָג איז עס געשען.

אַ טאָג אַזאַ האַרבסטיקער, מילדער,
גרינגראָז ווערט קופּער, ווערט רויט;
אין אַזאַ טאָג ווערט דינה נאָך שטיפעריש־ווילדער,
און דאָ, זאָגט מען, אַז דינה איז טויט.

דינה — און האַרבסטיקע בלעטער?
ניין, דינה איז פרילינג און צוויט;
און אַז ס׳קומט אָן דער זומער דער שפּעטער,
בליט אַלץ נאָך דינהס געמיט.

דינה — ס׳שטראָמט אַ טייך אין פאַרפלייץ
העט ווייט שוין, אַריבער די ברעגן
און ס׳יאָגן זיך קריעס מיט רייץ
און צעשטערן מענטשלעך פאַרמעגן.

דינה — און דער שטורעם הערט אויף.
ס'באַווייזט זיך די זון אויפן הימל.
קוקן צוויי ליכטיקע אויגן אַרויף,
ווי טוי פון אַן אָפּגעפליקט בלימל.

איך וויין נישט אויף דינהס פאַרגיין.
ווי קען מען דען וויינען נאָך דינהן?
ס'איז שווער נאָר דאָס האַרץ ווי אַ שטיין
און פינצטער מיין מענטשלעכער זינען.

עטל

יונגמיידלשאַפט צעבליטע,
קאַפּריז פון קינסטלערישן בויג —
אַזאַ האָב איך דערזען דיך
נאָך צוועלף אָפּגעשיידטע יאָר.

געפורעמט האָבן זיך אין דיר די יאָרן
אויף צולהכעיס וואָכעדיקער וואָר.
אויסגעוואַקסן ביסטו פאַר מיינע אויגן
ווי אַ וואונדער נאָר.

אַ פאַרבענקט האַרץ און פאַרחלומטע די אויגן,
קעגן ווינט און שטורעם — אַזאַ פלאַנץ.
האָסט זיך פון קיינעם ניט געלאָזן בויגן,
דערפאַר שפּילט אין דיינע אויגן אַזאַ גלאַנץ.

איך נעם אַרום דיך מיט מיין גאַנצער ליבשאַפט,
מיט מיין חלום נעם איך דיך אַרום;
וואָס קען איך דיר פון ווייטקייטן דערציילן,
אַז דו אַליין ביסט ווייטקייט אין ליכטיקן אַרום.

די יונגע אַלמנה

די יונגע אלמנה האָט דאָס קידושין־רינגל אויסגעטאָן.
צען קײלעכדיקע יאָר זײַנען, װי אַ מיראַזש, אַנטלאָפֿן . . .
געבֿליבֿן איז אַ קינד, געװאױנהײטן, פֿאַרשטילטע
גלוסטעניִשן.
איצט זעט זי קלאָר װי אַלץ איז זיך מיט איר אימפּעטיק
פֿאַרלאָפֿן.

ער איז געװעזן מילד, פֿאַרשלאָסן מיט זײַן שװײַגן
װי אַ נודנע װינטער־נאַכט,
און זי האָט אַלץ געװאָלט פֿאַרשלינגען אי דעם טאָג
און אי די נאַכט.
באַקאַנטשאַפֿטן געשלאָסן, ראַנדעװואוען, טעאַטער און
קאָנצערטן
און ער געזעסן איז אין שטוב, מיט זיך, און אויפֿן קינד
געװאַכט.

צען יאָר האָבֿן זיך געבֿיטן אָן אַ חשבֿון, אָן אַ רעכענונג
און דין.
עס האָבֿן זילבֿער־האָר אַ פּאָר פֿאַרגנבֿעט זיך אויף איר
געלאָקטן קאָפּ,
בײַ אים געזילבֿערט האָבֿן זיך די שלײפֿן און ס׳האַרץ
נאָך זילבֿערדיקער קלאָר,
געפֿילט האָט זי דאָס לעבֿן הײבֿט זיך אָן, נאָר זײַנס
געגאַנגען איז שוין באַרג־אַראָפּ.

געגריזעשט האָט פאַרדרוס זיין איינגעשטילטן צער
און נאָר אַ טרייסט געפונען וואַכנדיק איבערן שלאָפנדיקן
קינד —
אַ פרישער יונגער מאָרגן איז פאַר זיין קינד פאַרזאָרגט:
זיין מי, זיין צער, זיין שטומעניש לאָזט ער איבער
ווי אַ ירושה־זינד.

די יונגע אלמנה האָט דאָס קידושין־רינגל אויסגעטאָן
און מיט אַלע כוחות פון זיך געריסן דעם טרויער:
נישט בונטע קליידער, נישט די שמינקע און פריזור
האָבן געקענט צערייסן דעם בליק פון מענטשלעכן
באַדויער.

מיין מאַדאָנע

ר אָ ב ע ר ט ו ו. ס ע ר ו ו י ס

(פריי פון ענגליש)

כ׳האָב מיר אויסגעזוכט פון דער גאַס אַ פרוי,
אַן אומפאַרשעמטע, מיט אַ גראַציעזן געבוי!
אַלס מאָדעל האָב איך זי אַוועקגעזעצט
און זי געמאָלן זיצנדיק אַזוי.

כ׳האָב פאַרווישט אַלע שפורן פון איר אומריין האַרץ;
כ׳האָב צוגעמאָלן אַ זויגלינג ביי איר זייט;
כ׳האָב זי געמאָלן פונקט ווי זי וואָלט ניט געהאַט
קיין אויסגעלאַסענע פאַרגאַנגענהייט.

זי האָט געלאַכט פונעם בילד און איז אַוועק.
און דאָס בילד איז געהאַנגען אויף באַראַט,
איז געקומען אַ קונה און געזאָגט:
„ס׳איז דאָך מאַריאַ, די מוטער פון גאָט״.

האָב איך צוגעפאַרבט אַ קרייז אַרום איר קאָפּ
און כ׳האָב זי פאַרקויפט פאַר אַ גוטן לוין,
איצט הענגט זי אין דער קירכע סעינט הילעיר
און יעדער קאָן זי זען אין גאָטס באַוואוין.

אין מאַידאַנעק איז
אַ באַרג פאַראַן

מיין יינגעלע

איך לעב אין וואָר,
מיין יינגעלע לעבט אין חלום;
זיין וועלט איז טרוים פון קומענדיקע יאָר,
מיינע — קריג און שלום.

מיין יינגעלע בויט אויף וועלטן —
איך זע ווי זיי ווערן צעשטערט;
זילבער־שיין אין זיינע געצעלטן,
אין מיינע — אַ שווערדן־געפּעכט.

מיין יינגעלע שפּילט זיך מיט קאָלירן,
מיין קאָליר איז ווייס־און־שוואַרץ;
ער וויל כ׳זאָל אים צום רעגנבויגן פירן,
פיר איך אים מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

מיין יינגעלע וויל ווערן אַ גרויסער —
איך וויל ווידער ווערן קליין;
ער מיינט אַז כ׳בין אַן אַלצווייסער,
מיין יינגעלעס חלום איז שיין.

מיין יינגעלע איז ווייט-ווייט אַוועקגעפֿאָרן,
שווער מיטן אויג צו דערלאַנגען.
מיינע טעג ציִען זיך אויס ווי יאָרן —
מיין בענקשאַפֿט באַציר איך מיט געזאַנגען.

געזאַנגען וועגן אַ יינגעלע אַ צאַרטן
באַגלייט אויף אַ ווייטן וועג;
איך וועל אויף זיין קומען וואַרטן
און וואַכן דורך די נעכט און טעג.

מיין יינגעלע וועט באַלד צו מיר קומען,
מיין יינגעלע איז שוין דאָ.
איך האָב אים באַגעגנט מיט בלומען;
ער האָט מיך באַגעגנט מיט רו.

אַ מאַמע פאַרוויגט איר מיידעלע אין וואַלד

ליו־ליו, מיידעלע, ליו־ליו,
עס דעקן צווייגעלעך דיך צו.
ביסט אין וואַלד געבוירן,
אין דער קעלט געפרוירן,
ליו־ליו, מיידעלע, ליו־ליו.

ליו־ליו, טייערע, שלאָף איין,
לבנה טריפט אַראָפּ איר שיין.
ביסט אַ בערעלע בו־בו,
מאַמע דיינע היט דיין רו,
ליו־ליו, טייערע, שלאָף איין.

ליו־ליו, העזעלע, שלאָף איין,
מיר פאַר דיינע ביינדעלעך זאָל זיין.
דיינע אויערלעך שפּיץ־אָן,
טאָמער קומט אַ נאַצי אָן,
שלאָף, מיין העזעלע, שלאָף איין.

שלאָף, מיין טעכטערל, ליו־ליו,
אַ יידיש מיידעלע ביסטו:
אַ ניי לעבן קומט אונדז צו,
זאַמל כוחות אין דיין רו,
שלאָף, מיין טעכטערל, ליו־ליו.

שלאָף, מיין וועלפּעכע, שלאָף איין,
ס׳לערנט וואַלד דיך מוטיק זיין.
ס׳לערנען ווינטן אין זאַווייי
באַפאַלן שונא מיט געשריי
שלאָף, מיין וועלפּעכע, שלאָף איין.

כ׳שיק אַ בריוו דעם פּאַרטיזאַן, דיין טאַטן

שלאָף, מיין קינד, עס דונערן האַרמאַטן,
סע הילכן קלעפּ אָפּ נאָכאַנאַנד;
כ׳שיק אַ בריוו דעם פּאַרטיזאַן, דיין טאַטן,
ווייט פאַרשטעקט אין הינטערלאַנד.

כ׳וועל דעם בריוו אַ פּאַרטיזאַנקע געבן,
זי וועט אַהינצו באַלד אַוועק;
זי וועט דעם בריוו אים איבערגעבן;
פּאַרטיזאַנען ווייסן ניט פון שרעק.

דער וועג אַהין איז פול געפאַרן,
דורך בלעטער־שאָרך אויף קרומען שטעג; —
זי ווייסט ווי נאַציס אָפּצונאַרן,
ווען זיי לויערן אין וועג.

שלאָף, מיין קינד, האַרמאַטן ברומען,
ס׳פּלאַקערט הייס די גרויסע שלאַכט;
ס׳וועט נאָך ווען דיין טאַטע קומען
אין אַזאַ פאַרווירטער נאַכט.

ער וועט ברענגען, קינד, דיר קושן
און אַ טאָרבע פול מיט פרייד;
פון דער שלאַכט די הייסטסטע גרוסן,
און פאַר מיר די צאַרטסטע רייד.

װעסט מיט אים זיך װידער שפּילן,
מיט זײַן ביקס און מיט זײַן שװערד,
און זײַן הײסע ליבשאַפט פּילן, —
ליבשאַפט פון באַפרײַטער ערד.

שלאָף, מײַן קינד, האַרמאַטן ברומען,
ס׳קלאַפּט מײַן האַרץ אַזוי פון שרעק;
די פּאַרטיזאַנקע ז׳שוין געקומען, —
די פּאַרטיזאַנקע ז׳שוין אַװעק.

עס לאָזן זיך „סקיער״ אין שלאַכט

כ׳דערציייל אייך אַ מעשהלע, קינדער,
אַ מעשה פון אונדזערע טעג.
קעגן נאַצי, דעם בלוטיקן שינדער
איז מענטש אונדזער שענסטער פאַרמעג.

פון שנייאיקע פעלדער אַ מעשה,
פון ווייסער לבנה ביינאַכט.
פאַרהילטע אין קיטלען אין ווייסע
לאָזן זיך „סקיער״ אין שלאַכט.

איבער בערג באַדעקטע מיט שנייען,
אין טאָלן מיט אימפּעט אַ פלי.
זאַווערוכעס דרייען און ווייען,
גיט די סקיער די רעגונג אַ צי.

עס יאָגן די סקיער פאַרשייטע,
יאָגט די לבנה זיי נאָך.
די פליינען ציען זיך ווייטע,
די קעלט גיט אין פנים אַ שטאָך.

וואָס איז קעלט קעגן בלוטיקער שנאה,
וואָס איז פראָסט קעגן ליבשאַפט געשטעלט
ווען מ׳דאַרף די שלאַכט געווינען,
ווען די נאַכט איז פראָסטיק צעהעלט.

און פּלוצים פֿאַרהאַלטן זיך קריגסלייט,
ביי יעדן דער בליק אַזוי שטאַר.
דאָס האַרץ גיט אַ צאַפּל פֿון אומבייט —
עס לויערט אויף זיי אַ געפֿאַר.

געפֿאַר דאַרף מען קענען פֿאַרהיטן,
ציען צען זיך אויס אויפֿן שניי.
זיי שלעפּן אַ קעסטל אינמיטן; —
אויף שליחות געשיקט האָט מען זיי.

גרייט שטייט די מחנה אין ציטער,
יעדער ווייסט וואָס עס קומט.
און דאָ צעשפּילט זיך געוויטער,
שטאַר שטייט די מחנה פֿאַרשטומט.

פֿון אָרט וועט זיך קיינער ניט רירן.
גיט זיך ניט קיינער קיין ריר,
ווען אַפילו מ׳זאָל דאָ פֿאַרפֿרירן
ביז די צען וועלן קומען פֿון שפּיר.

און אָט הייבן אָן דונערן קראַכן,
און ס׳גיבן זיך סקיער אַ הויב.
זייער געשריי צערייסט די פֿלאַכן,
דער שניי צעפֿליט זיך אין שטויב.

אַזוינס האָט די נאַכט ניט פאַרשטאַנען,
דער שונא האָט אַזוינס ניט דערוואַרט;
און פאַרצייכנט האָט מען פון דאַנען
דעם אָנהייב פון זיגרייכער שלאַכט.

ס'איז נישט קיין מעשהלע, קינדער,
אַזוי איז טאַקע געשען.
איר זאָלט קעגן נאַצי דעם שינדער
זיין בראַוו ווי די אויסשפּירער צען.

אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן

אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן,
אַ באַרג מיט שיך און זאָקן;
העמדעלעך און קליידעלעך
און קינדערישע לאָקן.

אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן,
זיין שפּיץ גרייכט באַלד צום הימל,
עס פעלט דאָרט אויס נאָך איין שפּאַן
און ס׳שפּאַלט זיך באַלד דער הימל.

ליבע קליינע מיידעלעך
און יינגעלעך אַזוי פיל
געלאָזן האָבן ליאַלקעלעך און קליידעלעך,
אַוועק אין מיטן שפּיל.

געלאָפן ווי אין אַ געוועט,
אַזוי פיל קינדערישע פיס!
נאַציס האָבן איינגערעדט
מיט ריידעלעך צוקער־זיס:

„מען פירט זיי אין די קאַמערן,
יום־טוב איז דאָרט אָנגעגרייט״ —
נאָר הערצלעך קלאַפּן, האַמערן,
די ציטערדיקע פרייד פאַרגייט.

די קינדער גייען גרופּעסווייז,
די קינדער גייען שטיל, —
ליבע קליינע מיידעלעך
און ייִנגעלעך אַזוי פיל.

וואו זיינען טאַטע־מאַמע איצט,
וואו זיינען זיי, אָ, וואו?
די ליבע טאַטע־מאַמעשיס
זיינען דאָ נישטאָ.

דאָ זיינען נאָר די קינדערלעך
פון ליטע און פון פּוילן.
אָן העמדעלעך, אָן ווינדעלעך,
אָן שיכעלעך, אָן זוילן.

די חיימלעך און בערעלעך
פון פּוילן און פון ליטע,
מיט די קוטשעראַווע הערעלעך
פירט מען צו דער שחיטה.

קעפּעלעך און צעפּעלעך
און אויגעלעך ווי פייער,
בעקעלעך ווי עפּעלעך,
ליב אַזוי און טייער.

עס עפּענען זיך טויערן,
עס עפּענען זיך טירן.
אין די גרויסע מויערן
קען מען זיך ניט רירן.

הינטער זיי אַ באַרג וואַקסט אויס,
אַ באַרג סיני פאַר די דורות;
מיט שיכעלעך אַ באַרג די גרויס,
נאָך הייליקער ווי תורות.

אַ באַרג וואַקסט אויס פון שיכעלעך,
אַ באַרג וואָס שרעקט די טאַטעס,
דאָרטן שפּרינגען בייזע רוחעלעך
אויף די געלע לאַטעס.

אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן
ברענט ער ווי אַ דאָרן;
עס וועט זיך קיינמאָל אויסלעשן
פון שיכעלעך דער צאָרן.

אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן,
זיין שפּיץ גרייכט באַלד דעם הימל, —
עס פעלט דאָרט אויס נאָך איין שפּאַן
און ס'שפּאַלט זיך שוין דער הימל.

גיב אָפּ די שיכעלעך, מאַטילדע!

גיב אָפּ די שיכעלעך, מאַטילדע —
חנהלעס שיכעלעך גיב אָפּ!
אַט גייט חנהלע מיט באָרוועסע פיסלעך
צום גאַז־קאַמער באַרג־אַראָפּ.

גיב אָפּ די שיכעלעך, מאַטילדע —
ס׳קען חנהלעס מאַמע קיין נייע ניט קויפן;
ווי קען דען חנהלע אין אַזאַ קעלט
באָרוועס אויף שניי אַרומלויפן?

גיב אָפּ די שיכעלעך, מאַטילדע,
גיב אָפּ חנהלען, גיך!
זאָג דיין טאַטן, וועט ער דיר ברענגען
פון מאַידאַנעק אַ פּאָר נייע שיך.

דאָרט, אין מאַידאַנעק, לעבן לובלין,
האָט דיין טאַטע בערג מיט שיך אָנגעקליבן,
נאָר חנהלעס שיכעלעך האָסטו
און חנהלע איז באָרוועס געבליבן.

חנהלע גייט באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ,
חנהלע איז שוין ביים וואַלד;
עס פאַרוויקלען איר וואָלקנדלעך גאַז
און זי הערט ווי מ׳שרייט ערגעץ גוואַלד!

וואָס קען עס דען זײַן ? גזלנים אין וואַלד ?
אָ, ניין ! — זי איז שוין צום שוועל אָנגעקומען.
דאָס קעפּל פאַרטשאַדעט פון זיסן געררוך,
האָט ווער זי בײַם הענטל גענומען — — —

עס האָט זי אַ מלאך אויף פליגל פאַרנומען,
אויף פליגל פון ווינט און פון שטורעם ;
אַ באָרוועסע שוועבט זי אין וואָלקנדלעך רויק
אין אַ נײַעם, אַ ליכטיקן פורעם . . .

חנהלע, חנהלע, זאָרג זיך ניט, קינד,
ס'וועט מאַטילדע דײַנע שיכלעך אָפּגעבן,
נאָר זי וועט דערפאַר ניט קענען ווי דו
אויף פּוכיקע וואָלקנדלעך שוועבן — — —

דערפאַר וועט מאַטילדע קריגן איר שטראָף,
מ'וועט זי קיין מאַידאַנעק פאַרטרײַבן,
און קוקן וועט זי אויף די טויזנטער שיך
וואָס וועלן אויף אײביק לעגענדעס פאַרבלײַבן . . .

⁂

ס׳איז דיין טאַטע
ביין און בלאָטע,
ווי איז מיר און ווינד;
נישט קיין קדיש פון אַ יתום
הערט דער ווינט אַצינד.

אין אַ גרוב
מיט קופּעס מתים
קעפּ און פיס פאַרדרייט,
נישט געוויקלט אין טליתים,
גראָז אויף קבר נישט פאַרזייט . . .

אָט אַ קאָפּ
און אָט אַ צווייטער,
אויגן אָפענע פאַרשטאַרט,
פאַר דער שחיטה אַ געגרייטער,
פאַר דער שחיטה זיך צעלאַכט . . .

נישט קיין נעמען
אויף מצבות
טיילן אָפּ דאָ גוף פון גוף,
אויסגעברענטע ציפער־שטעמפּלען
שרייען „שמע!״ — דעם לעצטן רוף . . .

ביין און שאַרבן
קען נישט פוילן,
אָפּגעפּאַלן ז׳נאָר די הויט:
אַ ייד פון ליטע, אַ ייד פון פוילן
שטייען אויף פון טויט.

און די נבואה
ווערט מקוים:
„טויטע ביינער, גליד נאָך גליד״ —
פון די מיליאָנען טויטע
גייט אויף אַ נייער ייד!

געלע לאַטע

געלע לאַטע, געלע לאַטע,
ס׳טראָגט זי מאַמע, ס׳טראָגט דער טאַטע.
ס׳איז אַזאַ מין יחוס־שמאַטע
פון די געטאָ־וועגט האַרבאַטע.

מיטלאַלטער שטשערבעוואַטער
שרייט אַרויס פון הינטער גראַטעס:
שוואַרצע חגא — געלע לאַטע;
טראָגן מיר זי נאָר לעת־עתה.

שטומער עדות — געלע לאַטע —
פייכט פון רעגן — אַזאַ נאַסע
און די געלקייט אַזאַ בלאַסע,
די צעקנייטשטע שמאַטעלאַטע.

זאָגט דער זיידע: ברוך אתה!
זאָגן קינדער: ס׳איז לעת־עתה,
נאָר לעת־עתה טראָגן לאַטע,
די באַפלעקטע נאַצי־שמאַטע!

וואַגל־ליד ...

וואָגל, וויגל, וואָגל ווייט,
ס׳פּאַרגייט די זון אין מערב־זייט.
ס׳רוקט זיך, קינד, אויף אונדז אַ נאַכט;
ווער האָט אונדז אַהער געבראַכט?

נאַקעט, הויל פון היים פאַריאָגט,
וואו געגעכטיקט, ניט געטאָגט.
וואָס־זשע וועט שוין מאָרגן זיין?
שלאָף, מיין יינגעלע, שלאָף איין.

ווינט און וועלף אין וואַלד דאָ וואָיען,
אַלע גראָזן — נאַס פון טויען.
מאַמעס אויגן נאַס פון טרערן;
ווער וועט אונדזער רוף דערהערן?

ניט דער ווינט און ניט די קעלט, —
שטורעם וואָיעט איצט אויף וועלט;
אייביק קען אַזוי ניט זיין,
שלאָף, מיין יינגעלע, שלאָף איין.

ניט ווייט איז שוין צו זבאָנזשין,
אַלע טרייבט מען אונדז אַהין;
וואָגל, וויגל, וואָגל ווייט, —
ס׳טרייבן אונדז די נאַצי־לייט.

אַ באָמבע האָט דעם דאַך אַראָפּגעריסן...

„בעת אַ באָמבאַרדע איז פון אַ לאָנדאָנער הויז אַראָפּגעריסן געוואָרן דער דאַך, און אַ פרוי האָט אין דער זעלביקער צייט דאָרט געבוירן אַ קינד". — פון די צייטונגען.

אין שטאָט זיינען אויסגעלאָשן אַלע ליכט,
אין הימל שיינען ניט קיין שטערן;
די פינצטערניש איז פאַרבלענדניק געדיכט,
מ'קען נאָר די סירענעס הערן.

אַ באָמבע האָט דעם דאַך אַראָפּגעריסן,
ווען דו ביסט געקומען אויף דער וועלט;
די שרעק האָט דיך פון מיין לייב אַרויסגעריסן,
דיין קוויטש האָט זיך זיגעריש צעהעלט.

שלאָף, מיין קינד, ווער דאַרף דען איצט אַ דאַך,
מענטשן באַהאַלטן זיך אין קעלערס.
שלאָף, מיין קינד, דיין מאַמע ז'אויף דער וואַך,
איבערן שטאָט רודערן פּראָפּעלערס.

ס'קען דער שונא ניט דערשטיקן
אונדזער פּיין און אונדזער וויי;
זיי קענען נאָר דעם דאַך צעפּליקן,
ניט דיין זיגעריש געשריי.

אונטער קראַך ווען באָמבעס פאַלן
און עס בושעוועט דער קריג,
איז מיר אַזאַ פרייד באַפאַלן
און איך וויג דיך איין אין וויג.

שלאָף, מיין קינד, ווער דאַרף דען איצט אַ דאַך,
מענטשן באַהאַלטן זיך אין קעלערס.
שלאָף, מיין קינד, דיין מאַמע ז׳אויף דער וואַך,
איבערן שטאָט רודערן פראָפּעלערס.

אונטער מיין לײדיק װיגעלע

אונטער מיין לײדיק װיגעלע
איז געבליבן גאַנץ דאָס ציגעלע,
דאָס ציגעלע האָט ניט װאָס צו האַנדלען,
ניטאָ מער קיין ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

ציגעלע־מיגעלע קאָטינקע,
רויטע פייער־פלאַמען —
דער נאַצי האָט געקוילעט דעם שוחט, —
מיטן חלף געשאָכטן דער מאַמען.

דאָס ציגעלע װיגט דאָס װיגעלע
און מעקעט אויס אַ ניגון —
אָט באַלד װעט מען קוילען דאָס ציגעלע,
װעט מען שוין קיינעם ניט פאַרװיגן.

אונטער מיין לײדיק װיגעלע
ליגט אַ געשאָכטן ציגעלע,
אוי, װי גוט ס'איז זיין מערכה —
געקוילעט אָן אַ ברכה.

מודה אַני ציגעלע,
מודה אני טאַטע —
צוגעדעקט ליגט דאָס ציגעלע
מיט אַ געלער לאַטע.

לײדיק איז דאָס װיגעלע
און לײדיק װעט עס בלייבן,
ביז מיר װעלן די נאַציס
פון דער װעלט פאַרטרייבן.

איצט וויג איך שוין דיין יתומל...

איי־ליי־לו־ליי יאַנקעלע,
די באָבע וויגט דיך איין;
ביסט מיין דינהס ייִנגעלע,
יתומל דו מיין.

ביסט מיין דינהס ייִנגעלע,
ביסט, ווי זי, מיין קינד —
וויג איך דיך אין וויגעלע,
ווער איך יונג אַצינד.

כ׳וויג דאָך נאָך מיין דינהלען,
כ׳וויג מיין איינציק גליק —
די יאָרן נעמען וויקלען זיך,
קייקלען זיך צוריק.

„דינה, דינה — דינהלע,
מיידעלע, שלאָף איין!
ס׳זשומט אויף שויב אַ בינעלע,
עס לעשט זיך אויס די שיין".

דינהלע — מיין שטיפערקע,
מיין ערשט־געבוירן קינד;
איצט וויג איך שוין דיין יתומל,
ווי איז מיר און ווינד.

איי־ליי־לו־ליי יאַנקעלע,
די באָבע וויגט דיך איין;
ביסט מיין דינהס יינגעלע,
יתומל דו מיין.

וויג-ליד

שלאָף, מיין קינד, אין פרעמדער היים,
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו.
ס׳קלאַפּט מיין האַרץ אַזוי געהיים
צוקאָפּנס פון דיין רו.

ווייט, אָ, ווייט מיין קינד פאַרשיקט,
דער טאָג איז שוין אַוועק.
וואו דאָס אויג נאָר טוט אַ בליק
צאַפּלט אויף די שרעק.

דער טאָג מיט זון מיט פּערעלעך,
פאַרנאַכט האָט אונדז צעשיידט;
קייקלען טויען־טרערעלעך,
די זון פאַרגייט, פאַרגייט . . .

מיין קינד, מיין צאַרטער פליגעלע,
איך קום דאָ באַלד צוריק.
עס בלייבט איבער דיין וויגעלע
מיין צאַפּלדיקער בליק.

עס היט דיין וויג אַ שטערנדל,
אַ שטערנדל ווי דו;
אַ שטערנדל, אַ קערנדל
וואַקסט דאָך אויך אין רו.

אַזוי פיל וועגן קרייצן זיך,
בינדן אונדז שטאַרקער צו;
שלאָף, מיין קינד, איך זע דאָך דיך,
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו.

מתנות פון ווייט...

וואָס זאָל איך ברענגען קלמנקען פון ווייט?
קלמנקען דעם ייִנגעלע, דעם שטיפּערל פאַרשייט!

כ׳וועל ברענגען אים אַ באַנעלע און רעלסן ווייסע
און אַ ייִדיש ביכעלע וואָס דערציילט אַ מעשה.

כ׳וועל ברענגען אים אַ ביקס וואָס קלאַפּט טראַ־טאַ
און אַ פייל און בויגן אַזוינס און אַזאַ.

כ׳וועל ברענגען אים דעם שפּיץ פון אַ וואָלקנקראַצער,
אַזוינס האָט ניט געזען נאָך דער קעניג בלשאַצר.

כ׳וועל ברענגען אים פון שטאָט דעם רויש און רעש
און פון לובלינער געטאָ אַ קריגל אַש . . .

כ׳וועל ברענגען אים דעם גורל פון זיין פאָלק;
זאָל ער, וואַקסנדיק, אַליין דערגיין אַ טאָלק.

וויג-ליד

שלאָף, מיין קינד, וועסט אייביק לעבן,
אייביק לעבט די וויג; —
ס׳וועלן מאַמעס דעם חלום וועבן
פון אַ ווייסער ציג.

שלאָף, מיין קינד, וועסט איבערלעבן
אַלע גרוילן פונעם קריג;
און ווי מאַמעס, אייביק שטרעבן
צו וויגן קינד אין וויג.

ס׳איז די נאַכט איצט פול לבנה,
געפאַלן טאַטע אין דער שלאַכט;
ס׳איז דיין מאַמע אַן אלמנה
איז איר פינצטער טאָג און נאַכט.

שלאָף, מיין קינד, אין ליכטיק וויגל,
דיין טאָג וועט זיכער העלער זיין,
כ׳וועל דיר אָנטאָן אָדלער־פליגל,
שלאָף, מיין קינד, שלאָף־איין.

איבער וויג

וואַכט די מאַמע איבער וויגל
און אין וויגל ליגט דאָס קינד.
הענט צעשפּרייט ווי אָדלערס פליגל,
שוועבן אום אין קרייז געשווינד.

הענט וואָס לאַסטשען און וואָס גלעטן
איבער קעפּעלע און גוף;
הענט וואָס טרויערן און בעטן:
ווער פאַרנעמט אַ מאַמעס רוף?!

איבער וויג — געפאַר אין לויער,
איבער וויג — אַ נאַכט אין שרעק;
לויטער איז דער מאַמעס טרויער:
זאָל די נאַכט געשווינד אַוועק.

קלאַפּט דאָס האַרץ און קלאַפּט דער זייגער,
ווי דער רעגן אויפן שויב,
אָט אַזאַ מין לעבנס-שטייגער
טריפט אין האַרץ פאַרסמטן שטויב.

וואַכט די מאַמע איבער וויגל
און אין וויגל שלאָפט דאָס קינד.
הענט צעשפּרייט ווי אָדלערס פליגל
שוועבן אום אין קרייז געשווינד.

ס׳גייט די נאַכט אַזוי שטיל...

קינדערהיים ליבע,
די נאַכט אַזוי שטיל.
פֿייערלעך־פֿליגעלעך
פֿליען אין שפּיל.

אַ שוועב און אַ צינד
אין פֿליגעלע־טאַנץ; —
עס מיניעט און צוקט
פֿאַרכישופטער גלאַנץ.

טויען אויף גראָזן,
טויען אויף היים;
אויף קוסטעס און בייטן
פֿאַרשפּרייט אין געהיים.

די נאַכט איז אַ מאַמע,
אַ צאַרטע אַזאַ,
פֿאַר קינדער אין וויגן,
פֿאַר פֿראָש קוואַ־קוואַ.

פֿאַר קינדער אין וויגן,
פֿאַר קוקאַווקע־קו.
זי שפּרייט און זי וויקלט
פֿאַר אַלעמען רו.

ס'גייט די נאַכט אַזוי שטיל
מיט באָרוועסע טריט,
די קינדער אין וויגן
ווי אַ מאַמע זי היט.

קינדערהיים ליבע,
מאַמישע מיין, —
געבענטשט זאָלן קינדער
אין וויגעלעך זיין.

אַרום קינדערהיים פליִען טייבעלעך ווייסע...

ייִנגעלעך, מיידעלעך,
איך דערצייל אייך אַ מעשה:
אַרום דער קינדערהיים
פליִען טייבעלעך ווייסע.

זיי פליִען צו וואָלקנס,
אַ ריי נאָך אַ ריי.
אָט אַרויף, אָט אַראָפּ
פלאַטערן זיי.

עס לויפן פאַרביי זיי
די שטיבער און דעכער.
זיי פליִען און פלאַטערן
העכער און העכער.

און הויך אין דער לופטן
עראָפּלאַן גיט אַ זשום,
פאַרביי דורכגעשניטן
מיט אַ בייזן געברום.

פאַרביי דורכגעשניטן
און ווייטער אַוועק, —
געלאָזן נאָך זיך
דעם ווינט אין דערשרעק.

געלאָזן נאָך זיך
די זון אין פֿאַרגײַ,
און טייבעלעך ווייסע
אַ ריי נאָך אַ ריי.

אַ קרייז אין דער לופטן,
אַ קרייז און אַ דריי.
און ווידער צו קינדערהיים
צוריק פליען זיי.

— קינדערהיים ליבע,
זיינען די טייבעלעך דאָ?
— געקומען, געקומען
אין אַ גליקלעכער שעה!

אַרום דער קינדערהיים
פליען טייבעלעך ווייסע.
ייִנגעלעך, מיידעלעך,
ס'איז געענדיקט די מעשה.

א י נ ה אַ ל ט :

אין די בערג

⁂ איך האָב אויף פּאַפּיר שוין לאַנג נישט פאַרשריבן — 9
⁂ שטיל רעגנט אין די בערג . . . — 11
⁂ לאָמיר קלעטערן — 12
⁂ דער דרך־המלך — 13
⁂ אין די בערג שטייט אַ פאַבריק — 14
⁂ ס'האָט זיך איך אויסגעוויזן — 16

ברידער

אין קיינעמס לאַנד — 19
מירן היינט ביינאַכט זיך שיידן . . . — 21
אַ שיף גייט אָפּ — 23
ביים וואַסער — 24
ברידער — 27
רואיק פליסט דער סלושטש — 31
אַן אָוונט אין ניינצן־פערציק — 33
צי לעבט מיין ברודער נאָך ? . . . — 35
מיין עלטערער ברודער — 38
מיין טאַטע דער טעפּער — 39
V-E DAY — 40
דאָס שטילע וואָרט וויל איך זאָגן . . . — 41

גרויסשטאָט

גרויסשטאָט — 45
האָב נישט מורא מיין קינד — 46
נויט — 48
אויף די איסט־סיידער גאַסן — 49
פרידאַ קודין — 50

חבר יאָסל קאָטלער — 52
פאַרזאַמלונג — 53
פיליפּ האַלפּערין — 55
מיין מיידל איז אַוועק היינט אין פאַבריק — 57
מיין שכן רעב בער — 58
דו וועסט אַ קינד געבוירן — 59
רייד ביים טיש און רייד אויף גאַסן — 60
אין אַ שוך־פאַבריק — 62
אַ יום־טוב אין קלוב — 63
דעפּאָרטאַציע — 64
ידראָטן — 66
דערמאָנונג — 67
וואָס האָב איך דיר געבראַכט? — 68
דאָס וואָרט — 70
דינה — 71
עטל — 73
די יונגע אלמנה — 74
מיין מאַדאָנע — 76

אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן

מיין יינגעלע — 79
אַ מאַמע פאַרוויגט איר מיידעלע אין וואַלד — 81
כ'שיק אַ בריוו דעם פּאַרטיזאַן, דיין טאַטן — 82
עס לאָזן זיך „סקיער" אין שלאַכט — 84
אין מאַידאַנעק איז אַ באַרג פאַראַן — 87
גיב אָפּ די שיכעלעך, מאַטילדע — 90
* ס'איז דיין טאַטע . . . — 92
געלע לאַטע — 94
וואָגל־ליד — 95

אַ באָמבע האָט דעם דאַך אַראָפּגעריסן . . . . — — — — — — 96
אונטער מיין לידיק וויגעלע — — — — — — — — — — — — — — 98
איצט וויג איך שוין דיין יתומל . . . — — — — — — — — — — 99
וויג־ליד — — — — — — — — — — 101
מתנות פון ווייט — — — — — — — — — — 103
וויג־ליד — — — — — — — — — — 104
איבער וויג — — — — — — — — — — 105
ס'גייט די נאַכט אַזוי שטיל . . . — — — — — — — — — 106
אַרום קינדערהיים פליען טייבעלעך ווייסע . . . — — — — — — 108